STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10453

GROYE PROFILN

B. Shlevin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בינימין שלעווין / גרויע פראַפילן

פונם זעלבן מעכאַבער:

„צווישן ווענט"

נאָוועלן

— פארלאג נייע־בוך. — ווארשע 1933. —

ביניאָמין שלעווין

גרויע פּראָפילן

נאָוועלן

yd

ארויסגעגעבן דורכן מעכאַבער

פּאַריז 1937

Copyright by B. Schlevin, Paris.

הילע געצייכנט: ש. בלום.

CLEVELAND
PUBLIC LIBRARY

Imprimerie S.N.I.E., 32, rue de Ménilmontant,
Paris (20e).

Yid. 39- 77036

אינהאַלט:

1. שטייערן — — — — — — — — 7
2 די, וואָס קומען — — — — — — 22
3. דער הייצער אַנדריי גראַמאָוו — — — — — 43
4. אַ פּראָטאָקאָל — — — — — — — 68
5. קריינדל — — — — — — — — 76
6 דער אַלטער טאַטע — — — — — — 93
7. פּאַריזיאַרע — — — — — — — 108
8 דאָס פּעטערל — — — — — — — 119

שטייערן

ארכיפ זובאָוו, אַן איינגעבראָכענער באַטראַק, וואָס געדענקט נאָך די לייבקנעכטשאַפט, האָט זיך ביז אַ שטיק נאָכן האַלבן טאָג אָפּגעשאָקלט אינם צעשאָטענעם וועגעלע אויפן ווינטיקן שאָסיי און צום שטיקל וועג האָט נאָך אַלץ קיין סאָף נישט געקומען. אין אַלע זייטן פונם אויפגעריסענעם האָריזאָנט האָבן זיך פאַרוואַלגערט בלויע, דורכזיכטיקע אָליעבע־וועלדלעך, אונטערגעשווענקט פון די זומפן און פונם קליינעם, איילנדיקן טייכל, וואָס גיסט דאָ יעדעס יאָר אויס אין דער צייט. אין די אַרומיקע פייכטע טאָלן, אין פרישן גרינס, האָבן פרילינגדיק געמורמלט פאַרהוילענע ריטשקעס.

ער האָט כאָטש געוואָלט מיטן פריען פאַרנאַכט באַווייזן צו פאַרפאָרן צום ייִנגן קאַרשן־סעדל, ביי דער ניי־אויפגעבויטער גמינע־שטוב, אַ בעשוטפּעסדיקע מיטן „פאָסטערונעק“, וואָס מ'האָט דאָ נישט לאַנג צוגעבויט ביים עקסטן פליגל פון דער טירנער גראַפיניעס כאָרעוון פּאַלאַץ, נאָנט צו דער פאַרוואָרפענער באַן־סטאַנציע — אַ וויאָרסט פינפאונצוואַנציק פון זיין היימישן דאָרף „בלאָטווקע“.

אַ טאָג דריי נאָכאַנאַנד, ווי זיין פאַרשרומפן, אויסגעקינדלט

באַבעלע, וואָס האָט אַלע אירע זין און טעכטער צעשיקט אין די טפיסעס פון לאַנד און צו די ווייטע ברעגן פון דאָרעם־אַמעריקע, האָט אים אַ כריפּענדיק קוויטשעלע אין איר קעלעכל אַרומגעמאַטערט:

— גדענק, אַרכיפּ, פּאָר, זאָג איך! טו אַ טרייב די שקאַפּע און נעם דאָרט אָפּ ביי זיי די קוויטלעך... אַלע, האָבן זיי באַפוילן, דאַרפן קומען און אָפּנעמען... פרישע „פּאָראַט־קעס" אַוואַדע, נו-נו, ס'וועט אַזוי אָנוואַקסן דער וויסטער „פּריצעענט" און זיי וועלן נאָך דער שקאַפּע אויך קומען און — אַוועקנעמען... גדענק! — האָט זי אים געדראָעט מיט אַ דאַרן פינגער.

דער באַבעס איינגעגעסענע רייד, די פאַרטרוקנטע ליפּע־לעך, איר דאַרער פינגער האָבן אים אַזוי אַ טאָג דריי נאָכאַ־נאַנד, ווי אַ שוואַרצע וואָראָנע, געפּיקט אין זיין לעבעדיקן שאַרבן. זיין צעווינטיקט פּאָנים מיט די פיל צעלאָפענע קניי־טשעלעך, מיט די גרויע, אויסגעפּליקטע באָרד־שפּיצן, האָבן זיך פאַרהוויקערט אין די ציטערדיקע אַקסלען־אַריין און — ער האָט געמוזט נאָכגעבן זיין איינגעבאַקענער אַקשאָנעס. ס'האָט אים אָבער נאָר פאַרדראָסן איין קלייניקייט: אַט דאָס טאַקע וואָס זי וויל בעשום־אויפן דעם דאָזיקן איניען נישט פאַרשטיין:

— הער צו, באַבע נאַרישע, — האָט ער אין איר איינגע־טיינעט — נאָכוואָס שלעפּן זיך צו זיי, פרעג איך? ווי לאַנג איז עס דער שיר? און וואָס, פרעג איך, אין די וועל־דער טוט זיך, ווייסטו? העע, אַ נאַרישע ספּודניצע ביסטו און נישט מער!...

ער האָט עס איר מיט אַזוינע לאַנגזאַמע, צישענדיקע ריי־דעלעך אַריינגעאָטעמט גלייך אין אין אַרויסגעשטעלטער,

שפּיציקער מאָרדעטשקע. זי האָט אָבער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— נו, איז ווייסטו בעסער, כאָבעם מײנער! זײ וועלן אָבער אַזוי אַ קום־געבן מיט די „מאַשינעס". געדענק, אוי, וועלן זײ צעשיסן! וועסטו שוין הערן, וואָס איך זאָג! ניין, זײ וועלן נישט שאַנעווען!...

— הי, הי! — האָט ער אונטערגעטענצלט — אָט רעדט זי שוין נאָך, דער גוילעם! און אַז די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן פּאַר „נאָווי-גאָד" אונטערגעצונדן די וועלדער און צע־שאָסן פינף זײערע, רוקן זיך אַהער אין אַ כמאַרע, ווייסטו?... און אַז דער גאַנצער קאַנט איז אויפגעבראַכט, ווײל מ'האָט אין די וועלדער די באַטראַקעס נישט אויסגעצאָלט, וואָס ס'קומט זײ, ווייסטו? אָט האָב איך אַליין געהערט אַרויס־לייענען פון אַ „גאַזעט"... אַ ייִנגער איז דאָרט געווען, בלוט און מילך, אַזאַ העלער פּוך געווען בײ אים אויף די באַקן, איז ער האָט עס גערעדט צום „נאַראָד"... ניין, מען וועט שוין מער ניט צאָלן, זאָג איך. וואַרט, וואַרט, ס'גרייט זיך... און אין מײנע אַלטע הענט וועט קיין „ווינטאָווקע" אויך נישט פּרוּוון ציטערן... אָבער זע אַן אײנשפּאַרעניש... גוט, כ'וועל דיר דאָסמאָל נאָכגעבן. אָבער כ'וויל כאָטש דו זאָלסט, באַבע נאַרישע, פאַרשטיין אַזאַ פּאָשעטן איניען, זאָג איך — אָט-וואָס!...

ער איז געפאָרן און אויפן גאַנצן וועג האָט עס אים גע־וואָרפן פּאַר קאַאַס. נישט אַזוי אויף דער באַבע אַליין — אַן אַלטער נאַר, דער סײכל דינט איר שוין נישט — האָט ער געטראַכט — „צו זיבעציק, ווי צו זיבן"... דעריקער אָבער האָט עס אין אים געזאָטן אויף די אַלע עקזעקוטאָרן, די „פּאַנעס", וואָס שיקן אַן פון שטאָט די פּאַפּירלעך פון די אַלע

מינים צאַלעכצן. דאָס איז דיר פאַר די דריי מאָרגנס זומפּיק לאַנד, דאָס איז דיר פאַרן בידנעם רעוועך פון פּאַרזיי, דאָ פאַר דער שקאַפּע, פאַר דער בעהיימע, פאַרן הונט און — דער טייוול ווייסט זיי אַלע פּאַרוואָס...

הינטערן איינגעזונקענעם צווינטער־פּאַרקנדל האָט ער זיך פּלוצים פאַרהאַלטן מיט אַ סקריפּ. פון די פאַרנאַכטיקע פעלדער האָבן זיינע האַריקע, אָנגעשפּיצטע אויערן פאַרנומען אַ קענטלעכע בילעריי מיט אַזאַ דין נאָכקוויטשיקל. ער וואָלט געשווירן, אַז שוין אַ שטיק וועג הערט ער דאָסדאָזיקע נאָכקוויטשיקל. ס'זאָל אַמאָל נישט זיין „וואָלק", די בלינדע צויג זיינע.

— אָט אַ סוקע, שנאָרכט דיר אַזוי נאָך אַ היימישן, ביז זי דערטאַפּט.

אַ מינוט צוויי האָט ער זיך איינגעהערט אין דער שטילער, עכאָדיקער בילעריי, וואָס האָט זיך געבערנגט צעטראָגן מיט די פינצטערנדיקע, נאַקעטע פליינען. דערנאָך האָט ער זיך שאַרף אַ פאַרזשמורע־געטון און האָט דערזען, ווי צווישן די וויטלעכע ווערבעס, איבער ליכטיקן סטאַוו, נאָנט ביים צע־טרייסלטן בריקל, היפּערט טאַקע אויף אַלע פיר, מיט אַ צע־פּלאָשעטן עק און מיט אַן אויסגעשרויפטן פּיסק צום הימל זיין קודלאַטע צויג „וואָלק". זי יאָגט מיטן שטויביקן שטעגל און שמעקט אין דער איינגעשניטענער רעדער־קאָליע.

ביים אַלטן האָבן מיטאַמאָל אַלע קנייטשעלעך אויפן צע־ווינטיקטן פּאָנים אויפגעלויכטן. סאַמע פאַר די דראָבנע טריט פונם פערדל איז זי געקומען צעהיפּערן. זי האָט אַ שפּרונג־געגעבן איבער די האָלאָבליעס און איז צוגעפאַלן מיט אַ פּייכטן פּיסק צום אַלטנס פּיס, וואָס האָבן זיך געשאָקלט איבער די דראָבינעס. דערנאָך איז זי שטיינגעבליבן אויף

אַלע פיר הינטער זיין רוקן און האָט פאַרענדיקט מיט אַ צעפרידן וואָיעלע.

דעם אַלטן איז אַצינד שטאַרק אַנגענעם געווען צו פילן הינטערן רוקן דעם הייסן אָטעם פון דער געטרייער צויג „וואָלק“. פלאַנטערנדיק זיך אַ גאַנצן נאָכמיטאָג איבער די פאַרגאָסענע פליינען, האָט זיך אים לעבעדיק אַ שטעל-געטון פאַר די אויגן דער פרילינג פון צוריק מיט אַ יאָר זיבן, ווען דער שטראָם האָט האַרט צו זיין כוטאָר געבראַנגט אָנצו-טראָגן אַ קליין, אויסגענעצט הינטל. דאָס קנייטשלדיקע, שטעכיקע פאָנים דעם אַלטנס איז געווינט צו די לינדע, פוילע זומפ-ווינטן. איז ער זיך אַזוי פאַרנאַכט-צייט געשטאַנען בייםברייטן גראָבן, ביז וואַנען דאָס שטראָמיקע וואַסער האָט זיך איבערן מעסלעם געהאַט אַ טראָג-געגעבן פון די פאַר-שפּאַרטע שליוזן; צוגעקוקט זיך, ווי דער שטראָם רייסט מיט די לויזע, פאַרוואָרפענע בריקלעך, פאַרשווענקט די טאָליקע „באַגנעס“, ביז צו די געקרייצטע שליאַכן, וואָס צעלויפן זיך פונעם הויכן דאָרף „בלאָטוווקע“. ווען ער האָט עס ארויס-געשלעפט, דאָס הינטל, האָט עס אינגאַנצן געציטערט פון קעלט. מיטן זעלבן פייכטן פּיסקל האָט זיך עס פּאַרטוליעט אין אים. ס׳איז אים שטאַרק געפעלן געווען דאָס שוואַרצע לאַטקעלע אויפן וואַרעמען בייכל.

— נאַ, אָט האָסטו — האָט ער זיך אומגעקערט צו דער באַבע אין דער כאַטע אַריין — אַ מאַטאָנע האָב איך דיר געבראַכט. האָדעווע עס כאָטש אָן, אָט ציטערט עס אין מיינע הענט — אַ ראַכמאָנעס, זאָג איך! דער שטראָם האָט עס אוואַדע פון אונטער דער מאַמעס ברוסט אַוועקגעשלעפּט!...

— ווײַ, מיר וועלן נאָך אַוועקשווימען מיטן גאַנצן באַלע-באַטישקייט — האָט די באַבע געגוואַלדעוועט פון הינטערן

וועגטל — און אַט ליגן אים גאָר נאַרישקייטן אינזינען, הינטלעך גאָר. היי, אַלטער אויווערבאַטל!...

די טירן און די קוואַדראַטנע שייבלעך זענען געשטאַנען אויפגעריסן. פון הינטערן וועגטל האָט זיך אָפּגערופן אַ בעהיימעשער מרוטש. פון דאָרט טאַקע האָט ער זיך עס צולעצט אומגעקערט, דער אַלטער, מיט אַ פאַררוקטער פאַפאַכע איבערן נידעריקן, דערשוויצטן שטערן.

— אַז דאָס וואַסער זאָל ווייטער אַזוי שטייגן, וועט מען זיך אויף אַן עמעס מוזן נעמען פּאַקעווען. זע, דאָס גאַנצע דאָרף שווימט שוין באַלד אַוועק!...

פון צווישן די פינצטער צוזאַמענגעקוועטשטע כאַלופּעס, גאַנץ הויך, האָבן זיך אָפּגעריסן ווייטע, פאַרנאַכטיקע געשרייען. דאָס שטייגנדיקע וואַסער האָט מיטאַמאָל ווייט אַ צעטייל־געטון די אונטערגעשוואָנקטע, שיטערע יאָדלעס ביים אַריינפאָר צו דער געדיכטעניש פון די נאָנטע וועלדער.

אונטערגיין נאָכאַמאָל צום ליאַרעמדיקן, פּויערישן אוילאָם האָט זיך אים מער נישט געגלוסט. אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט ער דאָרט אַרומגעטיינעט מיט זיי:

— נאַראָנים, וואָס איר זענט — האָט ער זיי אַביסל פריער געגעבן צו פאַרשטיין, אַט די בערדיקע פּויערים און די פאַרשרומפּענע באָבעס — אַט האַלט מען דאָ אין איין אויספּאַריכטן די שאָסייען און קיין קאַנאַל אָפּצופירן דאָס וואַסער פון טאָל, וועט מען נאָך אין אַ יאָר צען אַרום אויך נישט מאַכן. יאָ, יאָ. אין דער גמינע וועט מען אייך אַליץ צוזאָגן... נאַכוואָס, פרעגט איר, שאָסייען? העע, שוואַכע קעפּ ביי אייך!... נישקאָשע, איך טראָג נאָך אויף מיינע אַקסלען די לייבקנעכטשאַפט און איך פאַרשטיי אַן אייסעק בעסער פון אייך. ווען

„זיי" זענען צוריקגעפלויגן אונטערגעשאָסענע פון קיעוו, געדענקט איר דאָך אוודאי, זענען זיי מיט אַלע זייערע שים־מאַשינעס געזונקען אינם פּוילעכץ... און קאַנאַלן? נאָכוואָס דאַרפן זיי קאַנאַלן? פּוילט, ווערט דערטרונקען אין די זומפּן, פּיבערט. עס אַרט זיי אַ סאַך, אַז דאָס אַקער־לאַנד וועט צעווייקט ווערן?

— העע, קלוג — זענען זיי באַשטאַנען — סייכל, סייכל — האָבן זיי זיך געקלאַפּט אין די נידעריקע, טעמפּע שטערנס אַריין — ביסט גערעכט, אַלטער! נו וואָס־זשע טוט מען דערצו, אַן אייצע גיב... עפּשער אַ פּראָשעניע אָנשרייבן?...

אַ ביייזלעכער פּויער, דער אַלטער אַרכיפּ, און אויף דער לעצטער פראַגע האָט ער זיי מער נישט געוואָלט ענטפערן. ס'איז אים באַפאַלן אַ קאַאַס. אים פרעגן זיי וואָס צו טון? ווו זענען זיי מיט זייערע אייגענע אייזל־קעפּ? ווי לאַנג מען טײַנעט נישט אַריין אין דעם...

ער איז אַוועק מיטן אַרויסגעצויגענעם הינטל אויף יענעם זייט פּלויטל, האָט עס פּאַרטוליעט ביי זיך אויף די קני, אָנגעהאָדעוועט עס פון אַ קליין שיסעלע מיט מילך. „אין דער באַלופע — האָט ער געטראַכט — איז אומעטיק. אַלע קינדער זענען זיך צעפלויגן. ווער אין די ווייטע אַמעריקעס און ווער — אין טפיסע... איז אַט וועט זיין נאָך אַ לעבעדיקער נעפעש אין דער כאַטע"...

אַזאַ דערמאָנונג האָט עס אים נאָכן האַלבן טאָג, אונטערוועגנס, געברענגט; אַ דערמאָנונג פון צוריק מיט אַ יאָר זיבן. אויך היינטיקס יאָר, ווי דעמאָלט, האָט דאָס וואַסער פאַרשווענקט אַלע ברעגן און די צוויג „וואָלק" איז שוין אַ זקיינע, אַ בלינדלעכע אויף איין אויג. אירע דווירעס הינטעלעך זענען,

פונקט ווי ביי אים די קינדער, זיך צעלאָפן אין דער וועלט־אריין.

נאָר די צוויג האָט מיט איבערגעקערטע, גרינלעכע ווייס־לעכצן שאַרף נאָכגעקוקט דעם אַלטנס אַ ציטערדיקן באָרד־שפּיץ אין פּראָפיל. דאָס פורל האָט זיך שוין צוריק געהאַט אַראָפּגעשאָטן אין שטויב־אריין. איבער אַ גרין לאָנקעלע, ביים אויפגעשוואָלענעם וואַסער, וואָס האָט דעם לעצטן מעס־לעם פלוצים גענומען שפּאַרן איבער די ברעגן, זענען געשווו־מען אין פאַרנאַכט־אריין צוויי פאַרוויקלטע באַבעס. אין גאַנג, האָבן זיי זיך אַזוי צוגעשאָקלט, ווי די יינגע בוימלעך אין לינדן זומפּ־ווינט. צום כאָרעוון פּאַלאַץ קיין טירנע איז שוין נישט פאַרבליבן ווייט.

און הינטערן אַלטנס רוקן איז די צוויג שטיינגעבליבן אויף ביידע פּאָדערשטע לאַפּעס, אַן אָנגעשפּיצטע. אין דער טיפער בלויקייט האָט ערגעץ נידעריק אויפגעבליצט אַ שורע ליכ־טיקע שויבן און הינטישע געוואָיען האָבן זיך שאַרף אָפּגע־ריסן. אין פּאַמעלעכן שלעפּן זיך, איז די צוויג אַראָפּגעשפּרונ־גען און האָט אַנטקעגנגעטראָגן אַ העפטיקע בילעריי צו די פאַרהוילענע דאָרפּישע הינט, וואָס האָבן זי שוין, זעט אויס, געהאַט דערשמעקט.

— אָט אַ „סוקע" — האָט דער אַלטער אויסגעשפּיגן און האָט אָנגעיאָגט איבערן לאָנקעלע די ביידע פאַרוויקלטע באַ־בעס — האָט זיך שוין אָפּגעזוכט די איריקע...

דער ברייטער טראַקט איז באַלויכטן געווען פון דער גאַנ־צער שורע צעצונדענע שייבלעך. פון הינטער די שטאַכעטן, ביים יונגן קאַרשן־סעדל, אויפן גאַניקל, האָבן זיך געראַיעט נאָך פיל פאַרוויקלטע קעפּ פון באַבעס און אָפּגעדעקטע, הוילע

שאַרבנס פון פאַרוואַקסענע פויערים. פון דאָרט האָט זיך אָפּ־געריסן אַ פיל־שטימיקער טומל.

— וווהין, ווייבער? — האָט ער זיך אַ קער געטון צו די באַבעס — אויך אַוואַדע נאָך די קוויטלעך, וואָס? עך, טאַטעלעך!...

ער איז געגאַנגען באַם זייט און האָט פויל אונטערגעשמיסן די שקאַפּע צו די שטאַכעטלעך.

פון דער טיר, וואָס איז געווען פאַרפּאַקט מיט אָפּגעדעק־טע קעפּ און פאַרוויקלטע באַבעס, האָבן זיך דורכגעשפּאַרט צוויי בלוי־מונדירטע, מיט גלאַנציקע קנעפּ. זיי האָבן זיך אַ לאָז־געטון צום עקסטן ווינקל, ביי די פינצטערע גאַניקעס פונם כאָרעוון פּאַלאַץ... צוויי מאַטאַציקלען האָבן באַלד דער־נאָך אַוועקגערוישט איבערן שאָסיי.

נעבאַלעבאַטעוועט האָט דאָ אינעווייניק דער סאַלטיס פון טירנע, באַלעסלאַוו כמיעל. אַ נידעריק מענטשל מיט בייזע וואָנסן און מיט צוויי אָפּגעשאָסענע פינגער אויף דער רעכ־טער האַנט. צו אים האָבן געהערט פּופּציק מאָרגעס אַקער־לאַנד מיט גאָר ווייניק זומפּן אויף יענער זייט פונם כאָרעוון טירנער פּאַלאַץ. אַבוּץ דעם — אַ וואַסער־מיל אויפן גיך־יאָגנדיקן טייכל, וואָס גיסט זיך אַראָפּ אין פּריפּעט־אַריין. דער שרייבער איז דאָ געווען זיינס אַ זונדל — יוזשעק האָט ער געהייסן — אַ נידעריקער, ווי דער טאַטע, מיט דינע, פאַרשווירענע פּייעלעך.

שטענדיק, אַז אין פּאָדער־הייזל פּלעגט זיך צונויפקלייבן אַן אוילאָם פויערים, האָט ער זיך שטאַרק דענערווירט, דער סאַלטיס פון טירנע. באַזונדערס אויפגערעגט איז ער געווען ביים פונאַנדערטיילן די שטייער־בלאַנקען, וואָס זענען עטלע־כע מאָל דורכן יאָר צוגעשיקט געוואָרן פון דער שטאַטישער

פינאַנסן-אָפּטיילונג, דינע, שטאַטישע ציגאַרעטלעך האָט ער געראָווכערט און געבלאָזן קליינע קייקעלעך רויך. אָבער דאָס־מאָל איז דאָס גאַנצע צימער אונטערן באַלקן געווען פאַר־רויכערט. יוזשעקן האָט ער קעסיידער אונטערגעטריבן:

— קוק נאָר, די כאַמעס שטייען שוין בּאַלד קאָפּ אויף קאָפּ און ער נעמט זיך איינטיינען מיט אַ נאַרישער באַבע!...

דער אויליאַם האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו שטופּן זיך אַרום דער הילצערנער באַריער און יעדער האָט שוין אויפן אָרט געוואָלט וויסן, וואָס אַזוינס איז ביי אים אין קוויטל אָנגעכאַסמעט:

— יערמאָלאַי יעזשאָוו. 92 זלאָטעס מיט 30 גראָשן דאַרפסטו אַריינטראָגן פאַר דער שקאַפּע מיטן עקסל און פאַר די צוויי אַ האַלב מאָרגעס לאַנד. נישטאָ קיין שום כאַכמעס אינעם פּאַפּירל. אָט נאַ און לייען עס איבער. זעסט, אָט דאָ, אונטערן לעצטן ברייטן פּאַס: 92 זלאָטעס מיט 30 גראָשן...

— אָבער אָט, פּאַניטש — האָט דער אַלטער געקנייטשט די ווינטערדיקע פּאַפּאַכע אין דער האַנט — פאַרוואָס אַזוי־פיל?... ווי, 92 זאָגסטו? מיינע אַלטע אויגן דערזעען שוין נישט. אָבער פאַרוואָס אַזויפיל און ווו וועל איך עס נעמען, אַז פון פאַראַיאָריקן אַראָפּפיר איז מיר גלייך אָנהויב ווינטער גאָרנישט פאַרבליבן...

— גענוג דיר צו נודיען, אַלטער! פאָר און „ספּראַווע“ זיך אַליין. נישט אונזער זאַך צו וויסן וועגן דעם...

— אַרכיפּ זובאָוו! — האָט יוזשעק צענומען אַ געפּרעסטן בלאַנק מיט אַ קליין, צוגעטשעפּעט קוויטעלע.

דער אַלטער האָט זיך אַ שפּאַר־געטון צו דער באַריער:

— מיין ריי, הייסט עס! איז לאָמיר כאָטש הערן וויפל די פּאַנעס האָבן מיר דאָרט אַריינגעבענטשט. קיין עקסל איז

נישטאָ, קיין טעלעצע — אויך נישט. קוים אַ בידנע שקאַפּע מיט דריטהאַלבן מאָרגעס זומפּיק לאַנד. האָב איך נאָך פון האַרבסט-שניט אָפּגעצאָלט דערפאַר.

— ווען אַ הונט רעדט זיך ביי דיר עפּעס — האָט אים יוזשעק איבערגעריסן — פאַראַן ביי דיר אַ הונט?

— פאַראַן, אַוואַדע פאַראַן! אַ בלינדע צויג. ווו איז זי מיר ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט ער אַ זוך־געטון ביי זיינע פּיס.

— נו, איז אָט, באַצאָלן דאַפּסטו, 33 זלאָטעס...

דער אַלטער האָט זיך געקראַצט אינם פאַרוואַקסענעם נאַקן.

— ווער זאָל זיך עס געוועזן ריכטן? פאַר אָט דער נאַרישער צויג גאָר צאָלן... אַ בלינדע איז זי, אָן ציין, 33 זלאָטעס... וואָלט איך כאָטש אַ פּונטיקל זאָלץ מיט אַ הערינג געקענט איינהאַנדלען אין שטאָט — איז אויף דעם סטייעט נישט... אוי, קלאָגט זי, די באַבע: אָט דאָ, אונטערן לעפּעלע פאַרגייט עס איר, סע ציט, — אַ קעפּל הערינג כאָטש אויסצוסמאָטשקען...

מיטן פּאַפּירל אין דער האַנט האָט ער זיך דערפילט אַוועקגעשטופּט פון דער באַריער. פיל פּלייצעס האָבן אים פאַרשטעלט די בלענדנדיקע עלעקטרי.

אינדרויסן, פאַר די ליכטיקע שויבן, איז לעבן פּורל געזעסן „וואָלק“. דערזעענדיק דעם אַלטן, האָט זי אַרויסגעלאָזן אַ הייזעריקן וואַי. מיטן גאַנצן קויעך האָט ער אַ שטויס געגעבן זיין שטיוול איר אין זייט אַריין, אַז זי איז, אונטערשפּרינגענדיק מיט אַ געקוויטש, אַוועק צום פינצטערן טראַקט, אַ לאָמענדיקע, מיט אַ פאַרבויגענעם עק אונטערן בויך...

ער האָט זיך גאָרנישט אָפּגעשטעלט איינטיינען מיטן אוילאָם, וואָס האָט זיך געקליבן אַרום גאַניקל. איבערן אויפ־

געשוואָלענעם וואסער, צווישן פינצטערע בוימער־קאָנטורן, האָט אים באַגלייט אַ פּארדוויטלטע לעוואָנע. אין דער רויט־קייט פון דער פּולער, כווידעשדיקער לעוואָנע, האָט די פאַר־גאָסענע, זומפּיקע טאָרף־געגנט, די אוראַלטע פּוילעניש, אויפ־געגלאַנצט מיט אומהיימלעכע, גרינע פאָספאָר־פייערן. אין אזא ווינטערדיקער לעוואָנע־נאַכט — האָט זיך אים פאַר־געדענקט — האָבן איבערן פרישן שניי אָנגעיאָגט פון די טיפע וועלדער די פּארטיזאַנער פון די פּאַציפיקירטע דער־פער, האָבן אונטערגעצונדן דעם טאַרטאַק און אַוועקגעלאָזן מיטן רויך דעם פּאַרלייגטן פּלאַץ מיטן געהילץ.

אַראָפּלאָזנדיק זיך מיטן טענצלדיקן וועגעלע פון הילצער־נעם בריקל, פאַרוואָרפן איבערן פינצטערן וואסער, איז ער מאָדנע זיכער געוועזן, דער אַלטער, אַז אָט באַלד, שוין איצט, וועלן זיי זיך אַ רוק־טון אין כמארעס פון די טונקעלע וועל־דער, אַ לאָז־געבן זיך צו די ניי־איבערגעבויטע כוטאָרן פון׳ם באַלעגוף יערעמי, צום טירנער פּאַלאַץ, צום סאָלטיס וואַסער־מיל אויפן יאָגנדיקן טייכל און ביז אינדערפרי וועט איבער־אַלע וועגן אָפּהילכן אַ שיסעריי. אַ קליין, פעט קעלבל כאָטש, נישט מער, וועט ער אַוועקשלעפּן פון זייערע שטעלער און ברענגען עס דער אַלטער. די באַקן זענען שוין ביי איר איינ־געפאַלן, ווי אַ כורווע. אָט וואָלט זי אויסגעסמאָטשקעט אַ ביינדעלע. זי רעדט נישט, די אַלטע, אָבער זי גייט איין פון טאָג צו טאָג, ווי אַ סקאָרינקע...

ביים אָנהויב פון שיטערן וועלדל, ווו דער שאָסיי קרומט זיך אַוועק, האָט אים מיטאַמאָל אַ בליצנדיקע שיין אַ שטאָך־געטון אין די אויגן. די טונקלניש איז געוואָרן נאָך געדיכ־טער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים, ווי אַ וואַנט און ער האָט דערהערט:

— ווהין פאָרסטו עס אַלטער? אַנו, לאָמיר זען, אַקאָרשט, וואָס דו שלעפּסט ביי דיר אין פורל... קיין בלעטלעך פירסטו נישט? קיין געווער אויך נישט?...

— צוריק פון דער גמינע פּאָר איך... פון טירנע — האָט ביים אַלטן געציטערט די שטים.

— נו־נו, גענוג, מיר ווייסן...

ער איז געשטאַנען אָפּגערוקט און האָט דערזען, ווי דריי הויכע פּאָליציאַנטן נישטערן מיט די טאַשן־לעמפּלעך אינם אונטערגעבעטן היי. זיי וואַרפן אַלץ אַדורך און לייכטן אים נאָכאַמאָל אַריין אין די אויגן.

— קענסט פאָרן! נאָכאַמאָל שלעפּ זיך נישט דאָ אַרומעט, אַלטער!...

און דעמאָלט האָט זיך די צוויג אויף אַלע פיר מיטאַמאָל א שאַר־געטון צו זיינע פיס אין דער געדיכטער פינצטערניש. זי איז געקומען שטיל, האַכנאָעדיק און האָט עפּעס זייער טרויעריק אַרויפגעגלאָנצט צו אים מיט קליינע פלעמלעך אין אירע אויגן. דעם אַלטן האָט שוין מער קיין קויעך נישט גע־סטייעט. צווישן אונטערגעפוילטע פּיעניעס האָט ער פאַר־האַלטן דאָס פורל, אַראָפּגעלאָזן זיך אויף א פייכט בערגל און האָט בלינד געגומען צעוויקלען זיין מאַכאָרקע־טאָרבעלע. מיט א פייכטער, בעטנדיקער מאָרדע איז די צוויג דערקראָכן צו אים אין שויס אַריין, מיט א סליונעדיקן צונג אַרומגעלעקט זיינע פּאַרהילצערטע פינגער און האָט זיך צעוואָיעט אויף א ביי־קעלעכל. און ס'איז זיי ביידן טרויעריק געווען. דער אַלטער האָט זיך דערמאָנט, אַז קיין רייב־שטיין אויף פייער האָט ער נישט ביי זיך — אומזיסט, הייסט עס, צונויפגע־דרייט א ציהאַרקע. ער האָט זי געוואָרפן פון איין ווינקל מויל צום צווייטן און דאָס גאַנצע טרויעריקע לעבן איז אים

אויפגעגאַנגען פאַר די אויגן. ער האָט זיך גענומען אראָפּ־רעדן פאַרן הונט:

— דיר איז אויך אָנגעזאָלצן אויף דער נעשאָמע, האַ, „וואָלק"? — האָט דער אַלטער פאַרהויבן זיין מאָרדע צווישן די אויסגעפליקטע קניען — אַ גאַנץ לעבן, ווי מיר ווילן זיך ביידע אָפּרייסן פון דער קייט... און דיינע הינטעלעך ווו זענען, „וואָלק"? צעלאָפן זיך ערגעץ, וואָס?... 33 זלאָטינ־קעס דאַרף איך איצט אַרויסלייגן פאַר דיר און ווו זיי נעמען — ווייס איך נישט... די ריפּן, זע נאָר, זענען שוין ביי דיר נישקאָשע איינגעפאַלן. קיין ציין אין מויל האָסטו שוין אויך נישט. אַפילע אויף צו עסן טויגסטו זיך נישט... העע, אַלטע, דו ביסט געגליכן צו אַ מענטש, אַ פּויער, אַ לייבאייגענעם... „וואָלק" רופסטו זיך, אַ וואָלף הייסט עס, נאָר דו ביסט קיין האָן אויך נישט. הייזעריק, וואָיעסטו, ווי פון אונטער אַ סטויג היי... הער צו, „וואָלק" — גיי דיר ווו די ווילסט, אָט־וואָס... איך קען נישט מער, פאַרשטיי... ערלעך האָסטו מיר געדינט, כאָטש איך האָב דיר אַפילע נישט אַזוי ווויל באַ־האַנדלט. אַלע קאָעסן האָט די אַלטע אויסגעלאָזן צו דיין קאָפּ... גיי דיר אַוועק אין די זומפּן און שטאַרב מיט אַן איינ־זאַמען טויט... ניין, ביי די מענטשן איז נישט גוט. מיר וועלן מיסטאָמע אויך אַזוי אַוועקשטאַרבן...

— אַהו, אַהו!... — האָט די צויג באַקלאָגלעך געוואָיעט.

אין דער טיפער פינצטערניש האָבן זיך געגאָסן לעבלעבע שטראָמען און ביידע האָבן זיך לאַנג איינגעהערט צום אומ־היימלעכן גערויש. דערנאָך האָט דער אַלטער אָפּגעשטופּט פון זיך די צויג. ס'איז אים פיינלעך געווען צו קוקן אינם פייכטן גלאַנץ פון אירע אויגן. ס'איז אים אליין אַ ראַכמאָנעס געווען פאַר דעם, וואָס ער וויל מיט איר אָפּטון...

און צו זיי וועט ער מאָרגן אַוועקגיין און הייסן זיי אַריינשרייבן צו די שטאָטישע „פאַנעס“, אַז ער וועט נישט באַצאָלן קיין 33 זלאָטינקעס. נישטאָ מער ביי אים קיין הונט. מען האָט אים אַליין געקוילעט און אויפגעגעסן, ווייל ס'איז נישט געווען וואָס צו נעמען פון דער קלוניע... אַזוי וועט ער זיי הייסן אָנשרייבן און זאָלן זיי טון מיט אים וואָס זיי ווילן.

מיט שיקערע שפּרייזן האָט ער זיך אומגעקערט צום פורל, האָט נערוועז געזוכט אונטער אַלע זיינע קאָזשוכעס און לייבלעך און אָנגעטאַפּט דאָס קליינע, צוגעזשאַווערטע קאַליטשיקל, וואָס איז ביי אים געווען צוגעטשעפּעט אויף אַ שטריקל צו די הויזן; דאָסזעלבע קאָליטשיקל, מיט וועלכן ער שניידט קליינע שטיקעלעך ברויט און וואַרפט זיי מיט אַ פאַרמאַכטער פויסט פאָרזיכטיק אין מויל־אַריין. נישט אומדרייענדיק דעם קאָפּ, האָט ער מיט אַ געבראָכן קאָל אַ רוף־געגעבן צו זיך דער צויג:

— גיי, „וואָלק“, גיי דיר וווהין דו ווילסט!...

די צויג האָט זיך אָבער רויק געלייגט ביי זיינע פיס, אַרויפגעקוקט צו אים מיט גלאַנציקע, בעטנדיקע פּלעמלעך אין אירע אויגן און האָט צום לעצטן מאָל אַרויסגעלאָזן אַ קורצן, פאַרשטיקטן וואָי...

די, וואָס קומען

1.

אָטאָ דאָ, צווישן די אַלטע מויערן, ווו ס׳שפּראָצן בלייכע, שיטערע גרעזלעך אין אייביקן שאָטן פון ווענט, האָט זאָשקע פאַרוואָרפן דאָס שפּילצייג אויפן הויף, אויפגעהערט צו שלעפן זיך יעדן נאָכמיטאָג מיט די עטלעכע אָפּגעפּליקטע העפטן אין דער „פּאָווּשעכנע-שול" און ביגנייווע פאַר די עלטערע שוועסטערן אָנגעהויבן איינצופודערן זיך דאָס רונ־דיקע נעזל איר׳ס, וואָס איז באַשאָטן געווען מיט פיל ברוינע קלייענדלעך.

יאָ, אַוואַדע האָט זי שוין דעמאָלט געאַרבעט, נאָר נישט אַלעמאָל איז געווען ביי וואָס צו אַרבעטן; דער סעזאָן אויף זומער-סוועטערלעך הויבט זיך ערשט אָן שפּעט אין ווינטער-אַריין — זשאַווערן זיי טאַקע אַ גאַנצן ווינטער, די מאַשינען.

די עלטסטע שוועסטער, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט דער מאַמען געפּאָרעט אין קיך, איז שוין לאַנג אין די אָוונטן נ׳שט אַרויס פון שטוב. דאָס קאַרביר־צווענגל, וואָס האָט זיך אַלעמאָל געגליט אויפן פּאַרקאָפּטשעטן נאַפט-לאָמפּ, איז ער־געצווו אַוועקגעקומען און אַלע „אָלעיעק"־פלעשעלעך אין אונ־

טערשטן שופלאָד פון דער אַלטער וואַנט שאַפע, זענען מיט דער צייט געוואָרן אויסגעטרוקנט. צום שאַכטל „קאַטי“ דאָרט האָט זיך שוין איצט זאָשקע אַלעמאָל צוגעכאַפּט, ביז זי האָט איר איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, געפּאַקט ביי דער האַנט, ווי זי רייבט זיך איין מיטן ראָזן טיכעלע דעם נידעריקן שטערן און אַרום־און־אַרום דעם קיילעכיקן קאַרטאָפל־נעזל. אַ נעס, וואָס די מאַמע איז אַנגעלאָפן, אַנישט וואָלט זי איר די אויגן אויך אויסגעדראַפּעט. זי, די עלטערע שוועסטער, שפּרינצע, איז געשטאַנען דערנאָך פאַרן געפּלאַצטן וואַנט־שפּיגעלע און האָט זיך נערוועז געדרייט אַרום פינגער אַ בינטל האָר אויף אַ לעקעלע.

— איך זע עפּעס ס'ווערט מיר ווייניקער און ווייניקער... היינט גיי און ווייס ווער ס'פּודערט זיך דאָ... גיכער, דיינע יינגלעך רופן דיך שוין, צאַצע מיט עסיק...

זי האָט זיך נישט געקאָנט שענקען איר לאַנג און אויסגע־צויגן פּאָנים, די אָפּגעוועלקטע, גרויע אויגן, וואָס האָבן פאַר־ווישט געקוקט צו איר פונם שפּיגל־אַרויס. אַ גאַנצן פאַרנאַכט האָט זי אַרומגענישטערט אין די שאַפעס אַלע אירע אונטער־קליידלעך און סוועטערלעך, האָט זיך אויסגעפּוצט און איז, נאָך אַ לאַנגער צייט, אַוועק צו דער קאַלעזשאַנקע רוזשע, וואָס האָט שוין אויפגעהערט צו קומען אַהער, ווייל קיינמאָל האָט זיך איר, שפּרינצען, נישט געגלוסט אַרויסצוגיין פון שטוב.

נאָר פון איצט אָן האָט זאָשקע, אויף צעלאָכעס איר, זיך גענומען פּודערן און פּוצן אָפן און פאַר אַלעמען אין די אויגן. ווען אַלע זענען געזעסן ביים טיש, האָט זי אומישנע צוגערוקט צו זיך דעם שפּיגל און מיט אַ מינדסטן, נאַסלעכן פינגער גענומען איינגלעטן זיך די ברעמען. אַרום די מויל־ווינקלען איז איר געשטאַנען אַ דרייסט קנייטשל:

— ס׳קרענקט אייך עפּעס גוט? ווערט׳ס צעפּלאַצט קוקנ־דיק!...

אין טיפן ווינטער, קורץ נאָכן אַראָפּציען זיך אין קעלער פונם זעלבן הויף, האָט זי יעדן שפּעטן אָוונט, דורכן פאַר־זונקענעם פענצטער, נאָכגעפאָלגט דעם באָכערישן שאָטן, וואָס האָט זיך אָפּגעהאַקט האַרט הינטערן גאַז־לאַמטער, אין טויערל. דורכן קוים־אַוועקגעמאַכטן פאָרהאַנג האָט זי געזען, ווי נאָכן לעצטן האַנד־דרוק, איילט די מיטלסטע שוועסטער, רעגינע, אַוועק צו די פינצטערע שטיגן אויפן דריטן שטאָק, וווּ זיי וווינען שוין מער נישט פונלאַנג און פונוואַנען מען האָט זיי מיט קאַרגע דריי כאַדאָשים צוריק עקסמיטירט...

מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, האָט זי מיט עטלעכע מינוט שפּעטער אָפּגעוואַרט אירע גיכע, צעפּלאָנטערטע טריט הינ־טערן טיר. זי איז אַריינגעקומען און האָט נערוועז גענומען אַראָפּשלײדערן פון זיך איינס נאָך ס׳אַנדערע: דאָס היטעלע, דעם מאַנטל און ס׳בלויע שאַלעכל... זאָשקע איז שוין דע־מאָלט צוריק געלעגן פאַרגראָבן הינטערן רוקן פון דער עלטסטער שוועסטער און האָט מיט פאַרמרוזשעטע אויגן געקוקט אין דער טונקעלער קעלער שטוב־אַריין, ווו אַלע זע־נען שוין געשלאָפן. יענע האָט נאָך אַ ווייל אומגעשפּרייזט אין שמאָלן דורכגאַנג צווישן די בעטן, האָט זיך שווער אַראָפּגע־לאָזן אין אַ ווינקל און איז לאַנג אַזוי זיצן־געבליבן, דעם קאָפּ אַריינגענומען צווישן די הענט...

אין איינעם פון די לעצטע אָוונטן האָט זיך די שוועסטער רעגינע, ווי געוויינלעך, געהאַט אומגעקערט שפּעט ביינאַכט פונם פאַרמאַכטן טויערל, נאָכן לעצטן האַנט-דרוק אַוואַדע. זי האָט זיך אָפּגעזעגנט מיטן פיין-אַרומגעגאָלטן באָכער, וואָס באַזוכט אַלע זונטיק, ווען ער אַרבעט נישט אינם גע־

שעפּט, אויף דער געגשע, די מוזיק־פּרימאָרגנס אין דער פּיל־הארמאָניע. (דאָס פולע פּאָנים ביים דאַזיקן באָכער איז אויסגעשאָטן מיט פיל קליינע בלעטערלעך און אויף זיינע גראָבע ליפּן הענגט אלעמאָל א ניגנדל פון „האלקא" און „זשי־דוווקא"). אָנגעקלונגען אין טויערל האָט דעמאָלט אויך פּונקט עפּעס א באַקאַנטער באָכער. מיט יענעם האָט זי זיך געהאַט אָפּגעזעגנט, זענען זיי ביידע אריינגעגאַנגען אין הויפל. זיי האָבן זיך צופעליק דערוווּסט, אַז זיי זענען דאָ שכיינים. אויף א פינפטן גאָרן וווינט ער. אַן ארבעטסלאָזער, איז ער מיד פון ארומקריכן דעם גאַנצן טאָג איבער די פּארשנייטע פּארקן און אויף די ארבעטס-בערזעס. אָנגערופן האָט ער זיך מיט א וואָרט, מיסטאָמע קעדיי קורצער צו מאַכן דאָס שטיקל וועג איבערן הויפל, וואָס זיי האָבן געהאַט דורכצוגיין. אָבער עפּעס האָט זי, דוכט זיך, נישט דערהערט, וואָס ער רעדט צו איר. פון זיינע ווערטער איז ביי איר, אין איר פארטויבטקייט, ארויסגעקומען, אַז דאָס מיינט ער אָט דעם נאַר־וואָס אָפּגע־זעגנטן, פיין־געגאָלטן באָכער מיטן ווייסן שאַליקל און מיטן גלאַטן שרונט פון אונטערן קרום־פּארזעצטן קאַפּעלושל. ס'האָט זיך איר אַפילע אויסגעדוכט, אַז ער, דער אומגעריכטער שאָכן אירער, רופט אים אָן „אייערער"...

אָך, ווי גליקלעך זי האָט דעמאָלט געשמייכלט אין דער פינצטער. איר באַפאַלענע פרייד האָט זי קוים איינגעצוימט אין עטלעכע זייער דיסקרעטע ווערטער:

— איר ווייסט... ס'איז זייער מאָדנע... כ'מיין... איר זאָגט „אייערער"... כא-כא, „נאָ פּראַוודע"... ס'איז אַזוי מאָדנע...

דער באַקאַנטער באָכער האָט זי אָנגעקוקט מיט צוויי פּארשלאָפענע אויגן-שפּעלטלעך און האָט גלייך פּארשטאַנען דעם גרויסן טאָעס אירן... אַן ענלעך וואָרט מיסטאָמע ארויס־

געברענגט און — ס'האָט איר געקלונגען ווי „אייערער". ער האָט עפּעס אַ שטאַמל-געטון און האָט זיך גלייך צוריקגע־כאַפּט: פאַרוואָס וואָל ער איר נישט פאַרגינען דאָס ביסל פרייד? און ער איז אַריין אינ'ם טאָן:

— נו יאָ, אַוואַדע... אַ מענטש, וואָס ווערט מיט איינמאָל אַ ז ו י נאָנט... איר פּאַרשטייט, יענע נאָנטקייט... מען גלויבט די אייגענע אויערן נישט... ע, יאָ... האָט מיר אַ גוטע נאַכט!...
— און ער האָט זי דערלאַנגט די האַנט.

און זאָשקע האָט טאַקע שפּעטער נישט פאַרשטאַנען איר אומגעווײנלעך באַזאַכט אַראָפּוואַרפן פון זיך די אויבער-מאַלבושים, איר פאַררייכטן זיך די האָר אינם שפּיגעלע. אין אַנגענעמער אויפגערעגטקייט, האָט זי, אין בעט ליגנדיק, נישט געקאָנט איינרוען אויף קיין אָרט...

ביי די נישט פולע צוואַנציק יאָר אירע, האָט זאָשקע נישט פון ערשטן מאָל געדענקט אַזוינע ווינטערס. אין שטוב שטייען צוויי זינגער-מאַשינען, אויף וועלכע ס'האָט דעם לעצטן זומער גענייט די קאַלירטע סוועטערלעך — שטייען אין אַ ווינקל און זשאַווערן. די שוועסטערן וויקלען זיך אין אַלטע זשאַקעטקעס און קוקןביידע אַריין אין אַן אָפּגעפּליקטן פּוילישן ראָמאַן מיט שיינע טאָוועלעך. זי, זאָשקע, דרייט איבער פון אַלטע שמאַטעס פאַר זיך עפּעס אַ קליידל. זי וואַשט זיך ס'פּאָנים, קאַמט זיך די רויטע, קרייזלדיקע האָר און פּילט הינטערן רוקן אַ דין, שטעכיק געלעכטערל.

אין דער קאַלטער שטוב דרייט זיך אַרום אַן איינגעבראָ־כענער טאַטע. זיינע ליפּן מורמלען עפּעס אייביק. עס זיצט אַן אויסגעבלייכטער ברודער מיט אַ פאַרוואָקסן פּאָנים. די מאַמע פּאָרעט זיך אַ גאַנצן אינדערפרי אַרום די פאַרסאַדזעטע

טעפּ מיטן שטענדיקן קלאַנג־קעלעכל און מיט די שטענדיקע טיינעם:

— וואָס זאָל עך ענק זאָגן, וואָס? ס'אַ פּאַסאַרגעט לעבן און — שוין!...

און נאָך:

— זע נאָר — זאָגט זי צום איינגעבראָכענעם טאַטן — שיינער פּאַרדינער מיינער, דיין בראַטאָקל, דער נאַלעווקער פּאַבריקאַנט און דו, אַ?...

און זי נעמט אים אויסרעכענען אויף די פינגער:

— דריי מיידן אונטער איין כופּע צו שטעלן. אַ באָכער אַ קאַליקע, וואָס האָט שוין אָפּגעקאָסט מיאָנטקעס. דאַרף אָט־וואַצק, ווי ס'לעבן. פּוילט עס דאָ אין אַ גרוב... כ'על ענק זאָגן דעם עמעס: מיר האָבן דאָך עפּעס אַ ליבן גאָט? נאָר... נאָר גלייכער, אַז מען ברענגט עס נישט פאַרן מויל... וואָלט מען כאָטש געאַרבעט. דרייט מען זיך אַרום און ס'איז נישטאָ קיין נאָדל צו פאַרטשעפּען...

אַן אַנדערש מאָל וואָלט דער טאַטע אַנגעגורט זיין הייזע־ריק קאָל און וואָלט איר געוויזן, דער יידענע. נאָר ער האָט שוין אויפגעהערט צו ענטפערן אויף אירע טיינעם.

ווייל וויפל איז עס דער שיר איבערצודערציילן, ווי אַזוי ער האָט עפּשער אַ שאָ צייט נאָכאַנאַנד געקלונגען און גע־וואַרט אין דער פאָדער־שטוב ביים ברודער, דעם רייכן נאַ־לעווקער פּאַבריקאַנט, ביזוואַנען דער זיסער ברודער זיינער האָט באַוויליקט פריי צו ווערן... ווי אַזוי ער איז אַריינגע־קומען אין אַ שטוב מיט הוילע שפּיגלען, מיט הוילע שמאַכ־טעס און צאַצקעס אויף די ווענט. ווי אַזוי ער האָט זיך אַזש דערשראָקן פאַרן שטאַרקן ליכט פון זשיראַנדאָל. ווי אַזוי פון אַ קאַסטן האָט עס געהאַלטן אין איין גרעגערן... מיילע, די

פאַרע, וואָס האָט זיך געהויבן פון די פייערדיקע גלעזער טיי. ביים טיש האָט מען, ווי געוויינלעך, גערעדט וועגן קריזיס, וועגן דעם, ווי שלעכט ס'איז אויף דער וועלט און וועגן דעם, אַז ער, דער ברודער זיינער, וואָלט זיך שוין אויפן אָרט געביטן מיטן ערשטן בעסטן „אַרבעטאָרער"...

— אַז די יאַכסאָנים זענען זיי גאָר ביים היינטיקן טאָג, טאָ גיי מאַך!... און וואָס מיינט ער, דער ברודער, אַז ס'גייען ביי אים גאָלדענע געשעפטן? — האָט ער אַ גרויסע טאָעס. ס'וואָלט גאָרנישט געשאַדט, ווען ער אַליין באַקומט אַ גע-מילעס-כעסעד. ס'וואָלט גאָר, בענעמאָנעס, גישט אויסגע-מאַכט!...

2.

אָבער אַצט איז שוין פרילינג און איצטער קוקט זי שוין נישט מער, די רויט-האָריקע זאָשקע, יעדן שפּעטן אָוונט דורכן פאַרזונקענעם קעלער-פענצטער, צו דערזען דעם אָפּגע-האַקטן באָכערישן שאָטן הינטערן גאַז-לאָמטער. מען אַרבעט פון אינדערפרי ביז האַלבער נאַכט אויף אַ לעצטן שטאָק, אין אַ קליין, טונקל הויפל, אויף דער מילע גאָס. אין קעלער איז ענג, נישטאָ זיך ווו אַ ריר צו טון, אַרבעטן זיי ביי אַן על-טערן, אויסגעגעבענעם ברודער. זאָשקע אַרבעט דאָ, ביידע עלטערע שוועסטערן און דער אויסגעבלייכטער ברודער, אַ פאַרוואַקסענער, מיט אַ קליין, פאַרפעטסט היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ.

יעדן אינדערפרי פּלאָטערט דאָ דאָס פאַרוואָרפענע שאַ-לעבל אויף זאָשקעס שמאָלע אַקסלען קעגן צעעפנטן לופטשיק אין הויף אַריין. הינטער איר אויסגעדרייטן רוקן קרעכצן ביי-דע צעראָיעטע בעטלעך און דער ברייטער, גראָב-פיסיקער

טיש פאָרט לאַנגזאַם אינמיטן שטוב־אַריין. אין דער ביי־נאַכטיקער שלאָף־שטוב און אינם באַטאָגיקן וואַרשטאַט שטייען שוין אַלע טירן אָפן: צו ביידע פאָר־פאָלק־צימער־לעך און צום פינצטערן קאָרידאָרל.

דורך איינער פון די אָפענע טירן, ווו ס'ווינט דער ברו־דער מיטן קינדערלאָזן ווייב, פאַלט אַהער אַ העלער פאַס זון. אינם צווייטן צימערל ווינט אַ יינג פאָרל, וואָס האַנדלט אַ גאַנצן טאָג מיט ביליקע קראַוואַטן אויף די ראָגן פון שטאָט. זיי קומען יעדן שפּעטן אָוונט אַהיים מיט קעשענעם קליינגעלט. ער — אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ פאַרוואַקסן פּאָנים. זי — אַ קליינע, אַ העל-בלאָנדע, מיט אונטערגעפּיר־טע ברעמען, מיט אַ רויט מיילעכל. זי טראָגט אַן אָפּגעפליקט פאַלטנדל. דאָס באַט זי אַן די פאַרבייגייער מיט אַן איינגע־כאַזערטן מאַנע-לאָשן אירע קראַוואַטן. אַהיימקומענדיק אין אָוונט, הויבט זיך ערשט דעמאָלט אָן צווישן זיי אַ קריגעריי. איין טיינע האָט זי צו אים:

— פאָלג מיך און פאַפּקע נישט אַזויפיל קיין פאַפּיראָסן! עס ליבערשט שאָקאָלאַד... ס'איז נישט געזונט פאַרן האַרץ און פאַר דער קעשענע...

אינם אייזערנעם בעטל, ביי דער טיר, שלאָפט אַ ביינער־דיקער זאָקן, וועמען אַ זון אויף די נאַלעווקעס האַלט אויס. ער האָט דאָרט, ביי זיך אין דער פיל־צימערדיקער דירע, קיין אָרט נישט פאַר אים. ער האָט אַ טעווע אַלע אינדערפרי, ווען מען קומט זיך דאָ צונויף צו דער אַרבעט, אומצושפּרייזן אַ באָרוועסער און אין די הוילע גאַטקעס איבער דער שטוב. ער שטייט איבערן טיש און קאַמט זיך דאָס שיטערע בערדל אַקעגן שפּיגעלע. דער לאַנג־האָריקער יענדזייעווער באָכער פולאַווער, וואָס שלאָפט אינם אַנדערן בעטל, האַלט זיך דער־

פּאָר מיט אים אין איין קריגן. ער איז אַ טויבלעכער, דער דאָזיקער באָכער, און שרייען שרייט ער, ווי אַלע אין שטוב וואָלטן טויב געווען. ער הערט אַפילע נישט, וואָס דער אַלטער ענטפערט אים אויף זיינע טיינעס.

— אַלטער שלימאַזל — שרייט ער — אַ מענטש זאָל האָבן אַ טעווע אַלע אינדערפרי „אַרומצולאַזשען" אין די טאַכטויניס!... זעט נאָר דאָס פּוצן זיך! הערט שוין דאָרט אויף אַמאָל צו קראַצן זיך דאָס בערדל איבערן טיש, ווו מען עסט!...

דער אַלטער דרייט אויס אַ דאָרן, שיטער־באַוואַקסענעם שאַרבן און דזאַמדזעט מיט אַ ציינלאָז מויל:

— פּוצן, פּוצן... אַז דאָס יינגוואַרג קאָן גאָר נישט פּאַר־גינען וואָס מען לעבט נאָך אויף דער וועלט!...

— וואָס פּאַרא געלט? וואָס טיינעט ער, דער אַלטער שלימאַזל? — שטעלט יענער אויס אַ פּאָר איבערגעקערטע אויגן צו די שטוביקע, וואָס פאַרגייען זיך אין געלעכטער פון זייערע דיאַלאָגן יעדן אינדערפרי.

מיט זאָשקען, וועלכע קערט־זיך אום פון פענצטער, האָט ער זיך אַלעמאָל ליב אַ טשעפּ צו געבן. ער ווינקט מיט אַ לאַכנדיק אויגל און פייפט צו ווי אַ מייזל:

— וואָס הערט מען עפּעס גוטס אויף דער וועלט? איר זיצט דאָך מיר עפּעס לעצטנס קעסיידער איבער די ביכלעך! איר זענט שוין באַלד גרוי געוואָרן ביי זיי... כע, זי וועט מיט קיין יינגל אַ וואָרט נישט קענען אויסרעדן...

ער וויזט איר צום שענקל, צוקאָפּנס פון זיין בעט, וואָס איז פול אָנגעשטעלט מיט געליישטע רוקנס פון די וועלט־קלאַסיקער. סאַמע אונטן ליגן אָנגעוואָרפן דיקע, צוזאַמענ־

געניטע מאַנוסקריפּטן. ער איז אַ מענטש מיט פּרעטענזיעס און וועגן די אַלע שרייבער רעדט ער מיט ווידערווילן:

— אַז דאָס זענען מענטשן אָן אַ ברעקל קולטור, אָן פּאַר-מעסטונג... ווי קומען זיי צו אַ פּראָבלעם?... אָ, געטע, געטע!... ווער עס האָט נישט איינגעזאַפּט אין זיך די שיינקייט פון „פּאוסט", איז נישט ווערט וואָס ער לעבט אויף דער וועלט... אַביסעלע העכער... איר פרעגט צו איך האָב ארבעט? איבער-גערדרייט יענע וואָך אַ פּאָר הויזן, וועלן שוין זיין עטלעכע גילדן. וואָס מאָרגן וועט זיין, טראַכט איך נישט...

ער וויל זי אָנכאַפּן ביי אַ האַנט, נאָר זי גליטשט זיך לייכט ארויס פון אים.

— ל אָ ז ט! איר ווייסט וואָס מען זאָגט אויף אייך, פּאַניע פּולאַווער, אַז צווישן די שניידער זענט איר דער בעסטער שרייבער און צווישן די שרייבער — דער בעסטער שניידער...

ער דערהערט נישט און ווענדעט זיך מיט אַ פינגער צום אַריינגעקומענעם קורצן, ברייט-פּלייציקן ליטוואַק בייקין, וואָס שלאָפט דאָ אויפן טיש.

— אָ, ער איז פון אייערע מענטשן! יענע קלאַג... מיטן קייסער גייען זיי זיך טשעפּען:.. איך האָב זיי שוין גענוג, די באַנדע. פריער פון אַלץ זע איך מענטשן און מענטשן זענען באַיעס... איבעריגנס, וואָס האָט מען דערפון? מאָרגן איז נאָך נישט די רעוואָלוציע. גיין אָוועקגעבן מיין בלוט — פאר וועמען? קווידעם-קאָל בין איך — מיין עגאָ... דעם מענטש, דעם באַאַוולטן פון דער נאַטור, וועט קיין שום רע-וואָלוציע נישט אויסלייזן... וואָס וועט איר מיר דערויף ענטפערן? ס'איז גאָרנישטאָ, אויסער טרינקען, טרינקען און טרינקען... עך, לעבן זאָל סאַנין... ניטשען קענט איר, וויי-נינגערן קענט איר? איך ווער צעריסן און ס'טוט מיר ווי פּאַר

יעדן שיינעם מיידל, וואס גייט פארביי און וועלכע איך קען נישט באזיצן... אזוי איז עס, פארשטאנען?...

זאשקע פארריכט זיך די צעשיטע קרייזעלעך און קוקט אינאזייט. דער ליטוואק בייקין שמייכלט האלב-שעמעוודיק, ער איז, לעהיפעך צו אים, א מענטש, וואס קאכט זיך נישט. ער האט צייט. פאר די דריי וואכן, וואס ער שלאפט דא אויפן טיש, האבן זיי שוין פילמאל אריינגערעדט אין דער שפעטער נאכט־אריין. ער רעדט געלאסן, ווי ער וואלט אים שעמעוודיקערהייט געזאגט קאמפלימענטן. ער שמייכלט אי צו פולאווערן, אי צו זאשקען, וואס שטייען אנגעשפארט אינם פענצטער־ברעט. די העלע האר זענען ביי אים צעשויבערט — ער גייט זיך איצט וואשן אונטערן קראן, וואס איז דערוויי' פארנומען.

— מאסקים מיט אייך, אז מענטשן, לאמיר זאגן, זענען קוידעם־קאל כאיעס. מען דארף אבער קענען דערזען אביסל ווייטער. טוט נאר א טראכט, ווי, לעמאשל, וואלט עס אנערעך אויסגעזען די וועלט, ווען אלע ארבעטער וואלטן געדענקט פונקט אזוי ווי איר...

אט דער קורצער, ברייט-פלייציקער ליטוואק בייקין האט זיך מיט קארגע דריי וואכן צוריק געברענגט אנצושלעפן אהער פון א פארבלאטיקטן פראווינצער פאסאזשיר-אויטא מיט פעק און מיט וואליזעס. אונטערן קרומען דאשיק האבן אים געהאלטן אין איין ארומלויפן די אומרויקע אויגן, זוכנדיק עפעס אין אלע זיינע צעשפיליעטע קעשענעס. פון וויגן זיך מער ווי א האלבן מעסלעס אינם אויטא, האבן זיך די אויגן ביי אים געקלעפט. ער האט געדרעמלט שטייענדיקערהייט. פון איבער די מאשינען האט אלעמאל אן אנדער מיידל אויפ-געהויבן דעם קאפ אירן.

איצט גייט ער זיך אַוועק איינוואַשן און צוריקקומענדיק מיט אַ נאָס פּאָנים, טרעפט ער שוין זאַשקען איבער דער מאַשין, פאַרן צעעפנטן לופּטשיק. אירע טונקל-גרויע אויגן באַקוקן אים פונדערזייט און איר קיילעכיק נעזל שמייכלט נישט-געוויינלעך פאַרטראַכט. זי הערט, ווי ער קלאַפּט צו די טיר. קיינער ווייסט דאָ נישט מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך. ער פאַרשווינדט באַלד אינדערפרי און פאַלט אַריין שפּעטלעך אינאָוונט, ווען אַלע רייסן זיך דאָ שווער אויף פון איבער די מאַשינען.

3.

אַ גאַנצן טאָג שטייט דאָ אַ ראַאַש פון די ניי־מאַשינען. דער טשאַד פון די פּרעס-אייזנס שווימט אונטערן פּאַרקאָפּ־טשעטן סופיט, צו די אָפן־געלאָזענע טירן און צום אויפגע־שפּאַרטן לופטשיקל.

די מיטלסטע שוועסטער, רעגינע, אַרבעט ביי דער מאַ־שין, וואָס איז קעגנאיבער זאַשקעס. איצט שווייגט זי שוין אַלץ אָפּטער. אַז זי קוקט אויף איר, זאַשקע, דערמאָנט זי זיך אַלעמאָל אינם אָפּגעהאַקטן שאָטן אונטערן גאַז-לאַמטער, אין טויערל. הייַנט האָט זי שוין קיין צייט נישט צו באַגעגענען זיך מיט יענעם באָכער. און אַז זי האָט אַמאָל יאָ צייט, אין די שאַבאָסים, זיצט זי, איבער עפּעס, אויך אין שטוב. קיינער וויל זי נישט איבערפרעגן... אָבער די מאַמע, וואָס קומט זיך דאָ אָנצושלעפּן מיט טעפּ און מיט קערב, קען נישט פאַר־שטיין איר פאַרטראַכט און נאַכלעסיק ענטפערן, אַז מען רעדט צו איר:

— זע נאָר, ס'טאָזוי לעבן — נישט אַנדערש, אַלע דיינע שיפן זענען דיר אונטערגעגאַנגען... אַ וואָרט ביי איר אַרויס-

צוקרינגן! פרעס שוין דארט, איך וועל נישט לויפן פאר דיר אויפסניי אגוואַרעמען די טעפּ...

דער איינגעבראָכענער טאַטע קערט זיך אַלעמאָל אום פון גאַס. ער לויפט אַרום איבער די פאַבריקלעך און נעמט אָן אַרבעט. ער ווישט זיך מיט אַ ברודיקער פאַטשיילע דעם שטערן און לאָזט זיך שווערלעך אַראָפּ אויף אַן איינגעוואַ־ליעט קעסטל.

— כאָטש גיב זיי אַ קרענק, מער ווי 47 גראָשן אַ סוועַ־טערל ווילן זיי נישט געבן... וואָס, זאָגט איר, די פאַריין־בעוורע איז דאָ ווידער געוועזן?... זיי קערן מיר אויך צו מיינע צאָרעס... ווי? אַ מענטש באַשעפּטיקן?... גע־הערט אַ כוצפּע?... וו זענען זיי געווען, ווען ס'איז מיט קיין נאָדל נישט געווען צו פאַרטשעפּען?...

פון אַלעמענס אַראָפּגעזונקענע רוקנס רייסט זיך בלויז אויף זאָשקעס שויבערדיקער קאָפּ:

— וואָס זשע איז דאָ דער געוואַלד? ס'וואָלט געסטאַיעט אַרבעט פאַר נאָך דריי מענטשן אויך. מען קאָן זיך נישט אַרויסיאָגן די נעשאָמע... האָרעווע פון באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט — מען פאַלט אַוועק פון די קויכעס...

אַ פּולע שטוב מיט אויגן ווילן זי אויפפרעסן:

— אַהאַ, — זאָגן זיי — זי איז מיר שוין פון „יענע מענטשן", איז זי מיר שוין... ברעך שוין דעם קאַרק מיט זיי צוזאַמען. פאַר אַ שיינעם לייט וועלן זיי דיר אויסשטעלן... גערענק, וועסט נאָך פוילן אין פּאַוויאַק און ס'וועט דיר שמעקן די הײם דורך דער צענטער וואַנט... די נאַכעסן, זעסטו...

אויף אַזעלכע רייד מוז זי נישט ענטפערן, זאָשקע. זי ציט זייער געדולדיק אַריין אין דער נאָדל דעם איבערגעריסענעם

פּאָדים און קערט זיך און פון ווינקל בעט מיט אַ פּעקל צו־געשניטענע סוועטערלעך. די מאַשין רוישט אונטער איר.

— מאָרגן גאַנץ פרי, האָבן זיי געזאָגט, וועלן זיי דאָ צו־שיקן זייערס אַ מענטשן פון פּאַרייַן — רופט זיך אָן די עלטערע, שפּרינצע, און שפּייט אָן אויפן פרעס אייזן — מיט זיי זיך אָנצוהויבן, בין איך אייך אויך נישט מעקאַנע. שפּילסט זיך עפּעס — אַ גאַנצע מעלוכע זענען זיי...

— כ'על אומישנע אַ רעד־טון מיטן גאַנצן קנאַקער זייערן, כ'על אומישנע אַ פרעג־געבן, צו זיי האָבן מ י ר געגעבן אַר־בעט, אַז איך האָב נישט געהאַט...

די אויגן אונטערן פאַרפעטסטן דאַשיקל לויפן ביי אים זייער גיך און צעקאָכט.

אונטערן פאַרקאָפּטשעטן סופיט רוישט דאָ דעם גאַנצן אָוונט אַ ברודיקער גאַז־לאָמפּ און פון דער היץ גיסט זיך דאָ פון די ווענט, ווי אין אַ באָד.

דער ליטוואַק כייקין עפנט שפּעטלעך די טיר פון פּאָדער־קאָרידאָרל און מאַכט זי זייער פּינקטלעך צו. אין דער טיר ביים קראַוואַטן־הענדלער הויבט זיך ערשט אָן צו ברענען די עלעקטרי. די טיינעס האַלטן נאָך דאָרט ביים סאַמע אָנ־הויב. זי פרעגט אים דערווייל אויף די עטלעכע גראָשן וואָס פעלן און ער מאַכט זיך דערווייל אונטערהוסטלען. אין דער וואַרשטאַט־שטוב זענען שוין ביידע בעטן צעראָיעט. דער אַלטער שאָקלט זיך דאָ לאַנג און פרום ביי פּולאַווערס בעטל. פּולאַווערס קאָפּ איז שויבערדיק צעוואָרפן איבער דער גאַנ־צער קישן. אָפּטמאָל, אַז ער קומט אַהיים מיד און הונגעריק, לייגט ער זיך פרי שלאָפן. ער רייסט זיך אַזוי אויף אינמיטן שלאָף מיט האַלב־פאַרקלעפּטע אויגן און קוקט זיך שאַרף אַרום — וווּ געפינט ער זיך דאָ?... ער זעט ווי מען פרעסט

די סוועטערלעך, ווי מען כאַפּט אַלעמאָל אַרויס שטיקער אָנ־געגליטע אײַזן פֿונם אויוועלע און מען לויפֿט דערמיט גיך איבערן אָנגעוואַליעטן טיש.

— שוין אַזוי שפּעט — ברומט ער אַרויס — און מ'אַר־בעט נאָך ס'פּאַך!...

ער פֿאַלט צוריק אַנידער אונטערן קאָלירטן באַרג טריקאָ, וואָס איז אויסגעשפּרייט אויפֿן בעט און ווערט אויפֿסניי אַנטשלאָפֿן. דעמאָלט דערהערן זיך פֿאַרן בעט כײַקינס שטי־לע טריט. ער געפֿינט אין דער צײַט קיינמאָל נישט קיין בענקל פֿאַר זיך. אַלע דרײַ שוועסטערן און דער ברודער זענען שוין גרייט אַראָפּצוגיין שלאָפֿן, נאָר יעדער פֿון זיי פֿאָרעט זיך נאָך באַזונדער אַרום דעם קליינעם, צעפּלאַצטן שפּיגעלע.

— איר זענט שוין אַוואַדע גוט שלעפֿעריק? — פֿרעגט שפּרינצע און פֿאַריכט זיך דאָס שפּילקעלע בײַ די צעשיטע האָר.

— קימאַט אַזוי. — ענטפֿערט ער אין שמייכל.

דאָס פֿאַרוואָרפֿענע שאַלעכל אויף די אַקסלען בײַ זאָשקען פֿלאַטערט נאָך אַלץ פֿאַרן צעעפֿנטן לופֿטשיק, אין פֿאַרשטיקטן הויף־אַרײַן. ס'איז שוין שפּעט. אַלע פֿענצטער צווישן די מויערן זענען שוין אויסגעלאָשן. איבער דעכער און איבער שטאָקן האַקט זיך אָפּ אַ ווײַטער גאַסן־גערויש. אַ טראַמוויי גרילצט לאַנג און נערוועז איבער די שינעס, ביים פֿאַרדרייען זיך אינם נאָענטן ראָג. אין דער ווײַטער, צע־זשומעטער לופֿט, וואָס איז פֿול מיט עלעקטרישן ציטער, בויערט זיך נאָך אַלץ אין דער טיף דער שטאָטישער גערויש פֿון נאָך האַלבער נאַכט...

מען וועט אַראָפּגיין שלאָפֿן און מאָרגן אינדערפֿרי —

ווידער צו דער אַרבעט. און אָט דערמאָנט זי זיך, זאָשקע, אַז שוין זייער לאַנג ווי זי האָט אויפגעהערט אַראָפּצוקומען פאַרן טויערל, ווו ס'האָבן זי שוין אָפּגעוואַרט די באָכערימלעך, וואָס טאַטעס האָבן זיי אַריינגעגעבן אין די געשעפטן אויף די נאַלעווקעס, אויף דער גענשע און אויף פראַנציסקאַנער, צו „ווערן שטיקלעך לייט"... די דאָזיקע באָכערימלעך הויבן זיך שוין ביסלעכווייז אָן צו גאָלן די שפּראָצנדיקע בערדלעך, זענען אַלעמאָל באַזאָרגט מיט ריין־געוואַשענע קעלנער און מיט טאַשן־געלט. זיי רעדן מיט די פריילנס פּויליש, מיט געטווישטע, וויברירנדיקע באַס־שטימען און באַנעמען זיך מיט דערזעלבער העפלעכקייט, ווי צו די קוינים אין די געשעפטן...

אַלע האָבן זיך שוין געגרייט אַראָפּצוגיין, נאָר איר פּראָפיל איז געבליבן שטעקן איבער מויערן, ווו דער ווייטער און נאָנטער גערויש האַקט זיך אָפּ. דאָרטן זענען אָוונט־צייט די גאַסן פול מיט ציענדיקע מענטשן־שטראָמען איבער די ענגפאַרפּאַקטע טראָטואַרן. איבערן מיטן ברוק צעשיטן זיך אָפּט פיל דרייסטע טריט; אין פלאַטער פון פאָנען, דערשטיקט מען צעשריגענע בינטלעך. פערד־קאָפּיטעס, ביקסן־קאָלבעס און און אַ לייכטער, רווישנדיקער אויטאָ ליידיקט דערנאָך אָפּ די צעוויגטע גאַס...

זאָשקע לאָזט זיך בלינד נאָכגיין דורך אַלע פינצטערע טירן און הויפן. זי פילט, ווי ס'אָטעמט איבער איר אַ וואַרעמע פרילינגס־נאַכט, וואָס שטיקט זיך דאָ, צווישן די ענגע מויערן. מיטן שמאָלן טראָטואַרל גייט זי זיי נאָך. זי האַלט זיך אין שאָטן פון דער שוועסטער רעגינע, וואָס שווייגט די גאַנצע צייט...

מיט אונטערגעבראָכענע קניען קריכט מען איצט, נאָך

האַלבער נאַכט, אַראָפּ אין קעלער־אַריין. מען צעוואַרפט זיך אין די שטענדיק־אויפגעראָיעטע בעטן און אַרום און אַרום הויערן די אַלטע, געשניצטע שאַפעס מיט די איינגעבראָכענע טירן. אין קיך דזאַמדזעט נאָך די מאַמע ס'פּאַרבליבענע געקעכץ פון די טעפּ־אַרויס, זי גראַבלט דאָרט אין דער פינצטער מיט אַ בלעכערנער לעפל און זיפצט.

די לעצטע קומט אַראָפּ זאָשקע. דורך שמאָלע אויגן־שפּעלטלעך קוקט זי אין אַלע אויסגעלאָשענע שויבן פונם רינג שטאַרצנדיקע מויערן, וואָס זענען אויבן, אין אַ קרומער ליניע, באַשפּריצט מיט געל לעוואָנע־ליכט. אומגעזען, טאַפּט זי אָן די טיר, די קלאַמקע, וואַרפט קוים אַראָפּ פון זיך דאָס אָנטון און לייגט זיך צופוסנס ביי די שוועסטערן. זי שלאָפט באַלד איין. ווי מיד זי איז.

4.

אין לייכטן, באַגינענדיקן דרעמל איז שווער אויפצורייסן דעם קאָפּ. זי הערט, ווי ס'שאָרעווען שוין טריט איבער דער קעלער־שטוב. דאָס בעט איז שוין אינגאַנצן ליידיק. נאָר איר איז אַלץ שווער אויפצוקלעפּן די אויגן. צווישן איין מאָל אויפקלעפּן זיי אונם אַנדערן מאָל, קריכן אָן שטיקלעך אויסגעוועבטע כאַלוימעס. אָט קלינגען איר נאָך אין די אויערן די אָפּגעהאַקטע און פאַרשטיקטע רייד פון דער עלטערער שוועסטער, פון שפּרינצען, צו דער מיטלער, צו רעגינען. ס'האָט געקאָנט זיין הייִנטיקע נאַכט און ס'האָט געקאָנט זיין מיט דריי נעכט פריער...

אין יענער טונקעלער און אומבאַשטימטער, מיטננאַכטיקער שאָ, האָט איר דאָס פאַרשטיקטע כליפּען אין דער קישן־אַריין זייער פלוצים איבערגעוועקט. די עלטערע שוועסטער

איז, אין טשאַדענדיקן ליכט; וואָס האָט זיך געדעמפּט פונם קליינעם יאָרצייט-קאַניצל ביי דער טיר, געזעסן איבער רע־גינען, אַ שויבערדיקע, מיט אַ פאַרשטעלטער האַנט ביי דער האַלב-אָפּגעדעקטער ברוסט און האָט אין איר אַריינגערעדט מיט אַ גיפטיק, צישענדיק געשעפּטש:

— וואָרעם? — אויף מיינע רייד... האָסט זיך עס אַוואַדע פריער נישט פאַרגעשטעלט, זע איך?... טאַקע, וואָס איז דאָס גייעניש, אַז דיין טאַטע האָט נישט קיין געלט און אַז אַכוץ דיר זענען דאָ נאָך צוויי אונטער איין כופּע צו שטעלן. קינד, וואָס דו ביסט... כאַ־כאַ, אַ באַלעבאַטיש יינגל, אַ געשעפט אויף די נאַלעווקעס... און אַז מען ווײנט אין אַ גרוב, שטייט עס טאַקע יענעם נישט אָן... וויין, וויין זיך אויס אַ גוט יאָר און האָרך נאָכאַמאָל, וואָס מען רעדט צו דיר...

נאָך לאַנג האָט זאָשקע געהערט איר פאַרשטיקט כליפּען אין דער קישן-אַריין, ביז איר קאָל האָט זיך אויסגעדעמפּט אין דער טונקל, צוזאַמען מיטן אויסגייענדיקן קאַניצל. און דעמאָלט זענען שויןביידע צוריק געשלאָפן, נאָר זי, זאָשקע, האָט איצט געוואַכט. די קעפּ פון ביידע שוועסטערן האָבן זיך געשאָטנט אויפן בלייכן בעטגעוואַנד, אויסגעצויגן און צע־שוווּמען...

— אַזוי גאָר! לאָזט זיך עס, הייסט עס, אַזויערנאָך אויס פונם גאַנצן?... און אַזעלכע זענען אויך מיסטאָמע די באָ־בערימלעך, צו וועלכע זי קומט שוין מערנישט אַראָפּ פאַרן טויערל... און אָט אָ די, וועמענס טריט ס'צעשיטן זיך איבער די ברוק-שטיינער?...

די פרימאָרגנס צערייסן איר אַלעמאָל דעם זיסן דרעמל פון מידע פאַרטאָגן. דיזעלבע שטאַרצנדיקע מויערן צווישן

קרומע זון-פּאַסן. פון אַלע ראָגן לויפן אָן געפּאַקעוועטע טראַמווייען צו די פאַבריקן אין אַלע שטאָט־ווינקלען. נאָר דאָ שלאָפן נאָך אָפּגעפליקטע מענטשן אויף די שוועלן און פּאַרדוקט אין די טויערן-נישעס. אַלע פּאַרקן זענען איצט פול מיט אומעטיקע טריט פון אַרבעטסלאָזע און מיט שטרענגע שפּרייזן פון היטער, וואָס טרייבן זיי פון די בענק-אַראָפּ, ווו זיי שפּאַרן זיך אָן, צו כאַפּן אַ לייכטן דרעמל...

5.

פּאַרנאַכט האָט זיך געבּרענגט אַרויפצושלעפּן פון גאַס דער איינגעבראָכענער טאַטע. דאָס פאַרשמאָלצענע דאַשיקל איז אים געוועזן פאַרשאַרצט און ער האָט זיך געווישט מיט דער ברודיקער פאַטשיילע דעם שטערן. ער האָט אַ זייטיקן קוק-געטון צו דער מאַשין, ביים פענצטער, ווו ס׳האָט שוין געאַרבעט עפּעס איינע אַ מיידל, אַ פרעמדע, מיט נאַקעטע הענט און ייִנגלערישע, קורץ־אָפּגעשוירענע האָר. ער האָט זיך שווייגנדיק אַראָפּגעלאָזן אויפן איינגעוואַליעטן קעסטל. ביים עפענען די טיר אין טונקעלן פּאָדער-קאָרידאָרל, האָט זי אים שוין, די אַלטע, געהאַט איינגערוימט:

— מאַך שוין נישט קיין טיינעס, פאַרפאַלן... זיי זענען דאָ אינדערפרי געוועזן. עס העלפן מיט זיי נישט קיין שום כאָכמעס...

פונדעסטוועגן האָט ער זיך אויפגעהויבן, דורכגעשפּרייזט זיך צווישן די אָנגעוואַליעטע בעטלעך, קלאַפּנדיקע מאַשי־נען און אומגעדרייטע רוקנס. ער האָט אַ נעם־געטון אין האַנט־אַריין איינס אַן אויפגענייט סוועטערל פון אַט דעם פרעמדן מיידל, באַקוקט עס אין אַלע נעט און האָט גאָרנישט געפונ־נען צוצוגעבן. נאָר ביי דער טיר פונם פּאָדער-קאָרידאָרל

האָט ער זיך צולעצט אומגעדרייט און אַ וואָרף־געגעבן סטאַם אין דער וועלט־אַריין:

— נאַכאַלנע מענטשן דאָס זענען!...

די צוגעזעצטע טיר האָט בלויז אויף איין רעגע איבער־געהאַקט דעם רויש פון די מאַשינען אין דער הייסער, דעמ־פיקער לופט.

מיטן ערשטן, פאַרנאַכטיקן שאָטן, וואָס האָט זיך געלייגט פון די אַרומגעשטעלטע מויערן, האָט ס'פרעמדע, יינגלער־ריש־אַרומגעשווירענע מיידל אַ קוק־געטון אויפן קליינעם, קלאַפנדיקן האַנט־זייגערל, וואָס איז געהאַנגען לעבן איר, אויפגעשטעלט זיך און אַריבערגערופן צו זאַשקען:

— נו, ס'איז צייט!...

קיינער האָט אויף זייער „גוטער נאַכט" נישט געענט־פערט, ווען זיי זענען אַרויס...

אין די לעצטע פאַרכמאַרעטע אַפּריל־טעג האָט שוין איצט זאַשקע געפלעגט אַראָפּצופאַלן אין קעלער־אַריין שפּעט ביי־נאַכט; אַריינקומען שטיל און נישט־געהערט אוועקוואַליען זיך שלאָפן, צופוסנס ביי די שוועסטערן. נישט וועלנדיק קיינעם איבערוועקן, האָט זיך דאָך פון אַ פאַרשאָטנט שטוב־ווינקל אויפגעכאַפּט דער מאַמעס קאָל:

— די נאַכעסן, זעסטו... ס'האָט מעך גוט געטראָפן!...

זי האָט זיך מער גאָרנישט אָפּגערופן, זאַשקע, הערנדיק ווי אַלע בעטן קרעכצן.

אין דערדאָזיקער לעצטער נאַכט פון אַפּריל האָט זי שוין מער נישט געהערט די גערעדרייען איבער זיך. פאַר אירע צוגעמאַכטע אויגן האָבן פאַרבייגעשווינדלט די אַלע גאַסן און געסלעך, ווו אירע פיס האָבן אויסגעמאָסטן, ס'זענען

געשוווּמען פאַר איר פיל באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פּע-נימער...

און כאָטש ס'איז שוין געווען שפּעט, האָט נאָך אין דער צייט, אין הויף ערגעץ, געשפּילט אַ פּאַטעפאָן. דאָס נידעריקע טויערל האָט מען געהאַלטן אין איין עפענען און פאַרמאַכן. אַ שורע פענצטער איז געשטאַנען ליכטיק-צעצונדן אין הויף־אַריין. ערגעצוווּ האָט מען דאָ געפּראַוועט אַ כאַסענע און דער פּאַטעפאָן איז גאַרנישט מיד געוואָרן צו גרעגערן אַ גאַנצע נאַכט...

און זאָשקע, וואָס האָט צווישן אַט די אַלטע מויערן פאַרוואָרפן דאָס שפּילצייג אויפן הויפל, אויפגעהערט צו שלעפּן זיך יעדן נאָכמיטאָג מיט די עטלעכע אָפּגעפּליקטע העפטן אין דער „פּאָווסשעכנע־שול" און ביגנייווע פאַר די עלטערע שוועסטערן אָנגעהויבן איינצופּודערן זיך דאָס קײלעכיקע נעזל אירס — איז אָט דיזעלביקע זאָשקע האָט איצט געטראַכט וועגן מאָרגנדיקן טאָג, וואָס ווייזט זיך אויס צו זיין אַ זוניקער. אויבן, אינם וואַרשטאַט, וועט אַוואַדע דאָס צעווייעטע לופטשיקל זיין אָפּן. נאָר איר פאַרוואָרפן שאַלעכל וועט זיך אין דעם טאָג נישט לופטערן אַקעגן דעם צעעפענטן פענצטער. אירע און דעם פּרעמדן, יינגלעריש-אונטערגעשוירן מיידלס מאַשין, וועלן אין אָט דעם טאָג בלייבן ליידיק. און עפּשער וועט זיי עמעץ אַנדערש פאַרנעמען?... און זי וועט זיך טראָגן מיט נאָך אַ סאַך איבער די ברוקן, ווו בונטע פרייד וועט געטרעטן ווערן מיט הארטע, שטיוולדיקע טריט, מיט ביקסן־קאָלבעס. — אַ לייכטער אויטאָ וועט אָפּליידיקן די צעווינטע גאַס...

וואַרשע, 1933.

דער הייצער
אַנדריי גראַמאָוו

1.

דעם הייצער אַנדריי גראַמאָוו האָט מען צוויי יאָר פאַר דער גרויסער וועלט-מילכאָמע צוגענומען פון די באַן־וואַרשטאַטן, ווו ער האָט געאַרבעט אין דער מעכאַנישער אָפּטיילונג, און מ'האָט אים צוגעטיילט אַלס געהילף דעם אַלטן סטאַנציע־וועכטער, וואָס האָט דאָ איינער אַליין געוווינט אויפן אָפּגעלעגענעם פּלאַנט; דידאָזיקע ליניע האָט מען מיט אַ קורצער צייט צוריק געהאַט פאַרלייגט אַרום די טאַרטאַקן און דאַמף-מילן, וואָס האָבן זיך דאָ געגומען בויען.

דער סטאַנציע־וועכטער איז געווען אַלט. אין די פּראָסטיקע נעכט האָט ער געדאַרפט אָפּוואַרטן ביים בריקל אינדערנאָכט די צוויי לאַסט-צוגן, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרבייגעטראָגן. ער האָט אַלעמאָל אונטערגעקרעכצט, קוקנדיק אויפן בלעכערנעם וועק-זייגער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שטול ביי זיין בעט.

אנדריי האָט אים אַלצדינג איבערגענומען. שוויינגנדיקער־הייט, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אינם אַלטנס פּוטער, אין די טיפע וואָילאָקעס און איז אין די פינצטערע, גליטשיקע נעכט אַרויס אָפּוואַרטן די צוגן ביים בריקל.

הערנדיק פונוויטן דעם ווינטיקן רעדער־טומל, האָט דער אַלטער מער נישט געקענט איינרוען. ער פלעגט בלייבן שטעקן אינם פינצטערן שייבל און נאָכקוקן דעם שאָטן, וואָס פויזעט דאָרט ווייט, אַרום בריקל, מיט דער לאַמטער אין האַנט. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער אים געדאַנקט, דער אַלטער:

— אַ געזונט אין אייך, אנדריי זאַכאַראָוויטש. נאָך אַ האַלב יאָר צו דערציען די עמעריטור און — ווער ווייסט צו איך וואָלט עס אויסגעהאַלטן... די פאַרקילונג, צום טייוול, מאַטערט שוין אַ גאַנצן ווינטער. עך, ווען די אַלטע וואָלט כאָטש געלעבט...

אויפן זומער איז ער טאַקע אוועק, דער אַלטער. העכער צוואַנציק יאָר האָט ער געלעבט אַרום די באַן־ליניעס און אַרום די פאַררויכערטע צוגן.

אנדריי האָט דעם גאַנצן זומער איינער אַליין נאָכגעקוקט די פאַרשווינדנדיקע צוגדרויכן. דערנאָך האָט ער זיך פּאַ־מעלעך געלאָזן גיין צו זיין איינזאַם הייזל אַרום פלאַנט.

זונטיק נאָכן האַלבן טאָג, ווען קיין צוגן זענען געווינלעך נישט געגאַנגען, איז ער אוועק אין שטאָט־אַריין צום פעטער, דעם סטרוזש, וואָס האָט געוווינט אין אַן אָפּגעשלאָסענעם רינג, אַלטע, הילצערנע שטיבער, אין אַ שטיל, בוימערדיק געסל, פונקט קעגנאיבער דעם גרינעם צערקוועלע.

דאָרטן זענען זיך אין זונטיקדיקן נאָכמיטאָג צונויפגעקו־מען אַלע דינסטן און אַלע יינגען פון דער גאַס. אנדריי איז

געזעסן אין קליינעם קאַרשן-סעדל, פאַר די נידעריקע, אויפ-געמאַכטע פענצטער. מען האָט דאָרט געזונגען אַלעראַליי לידער ביז אַ שטיק אין אָוונט-אַריין.

דערנאָך האָט ער שווייגנדיק אויסגעטרונקען דאָס פערטע גלעזל, וואָס דער פעטער האָט אים מעכאַבעד געווען לעקאָ-וועד זיין נייער שטעל אַלס באַן־וועכטער און אַנדריי האָט זיך שווייגנדיק באַלעקט די העלע וואָנסן.

אין פריען, בלויען אָוונט איז ער זיצן־געבליבן מיט פאַר־גלייזטע אויגן איבערן פולן אָרעם פון דוניאַשען — דער דאָרפישער מויד, וואָס האָט געדינט ביי די רייכע יידן, ביי די שאַצ'ס. ער איז געזעסן זייער פאָרזיכטיק אָנגעשפּאַרט אין איר הייסן בוזים, ווי ער וואָלט געווען פון גלאָז און ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, אַנדריי, ער זאָל זיך נישט צעברעכן, באַלילע.

— היינטיקע מיידעלעך — האָט ער סטאַם אַזוי גערעדט אין שיקרעס — און ווייבעלעך גלוסט זיך זיי דען צו זיין?
— הוליען אַזוי אויך אַרום...

און זי האָט אַזוי ברוסטיק געלאַכט, אַז ס'איז אים געוואָרן פריקרע.

— צו דאָס לאַכט זי אַמאָל נישט אַזוי פון אים?

און שפּעטער, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פונם גלי-וער, האָט ער שוין דוניאַשען מער נישט געטראָפן לעבן זיך. פון צווישן די צעבליטע קאַרשן־בוימער, אין טיפן גאָרטן, האָט ער געהערט אירע דונערדיקע געלעכטערן ביי עמיצן אויף דער שוים. אַלע יינגען מיט זייערע מיידן האָבן זיך געהאַט פאַרקליבן אַהינצו, אַרום די נידעריקע, בלינדע ווענט פונם הויז, וווּ דער שאָטן איז געדיכטער.

מיט אונטערגעבראָכענע קניען איז ער אַריין צום פעטער

אין אויסגעקאַלעכטן שטיבל, ווו עטלעכע שיקערע ייִנגען זענען געלעגן אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע. דעם פּעטער האָט ער קוים אויפגעריסן פון זיינע גאָרגלדיקע שנאָרכע־רייען:

— הער צו, פּעטער: אַזוי און אַזוי... כ'האָב באַשלאָסן אַ ווייב זיך נעמען!... — און ער האָט זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד.

דער פּעטער האָט אויסגעלאָזן צו אים אַלע זיינע בייזע כאַלוימעס, אָפּגעפירט אים אַ שטיק וועגס אַהיים און האָט אים אָפּגעשטעקט אַ בינטל פאַרהילצערטע פינגער:

— גיי אַהיים, אַנדריי, און קום איבעראַכטאָג זונטיק, וועסטו זיך אַהיימנעמען דער מויד גלייך צו זיך אין בעט־אריין!...

די מויד האָט זיך אַפילע געקווענקלט, אָבער דאָך איז זי געגאַנגען. אַ גאַנצע וואָך, ביזן אַנדערן זונטיק, האָט מען דערנאָך ביים פּעטער, אין נידעריקן, אויסגעקאַלעכטן שטיבל, געהוליעט. אינדערפרי, האָט אַ גאַנצע באַנדע ייִנגען און מיידן אוועקגעפירט אַנדרייען צום הייזל, אַרום אָפּגעלעגענעם פּלאַנט.

אויף מאָרגן, אין אַ וואָכעדיקן מאָנטיק, האָט דוניאַשע נאָכן האַלבן טאָג אַהינגעבּרענגט איר גאַנץ פאַרמעגן: אין איין האַנט אַ קליין קיישל מיט זאַכן און אין דער אַנדערער — אַ פּאָר אויסגעגלאַנצטע, בראַמאָווע שיך מיט לאַנגע כאַליעוועס און מיט אַ סאַך לעכלעך — צום פאַרשנורעווען...

מיט אַ יאָר שפּעטער האָט אין נידעריקן שטיבל, אונטערן סאַמע באַלקן, אַרויסגעפּישטשעט אַ ניי-געבוירן נעפּעשל אין שטוב-אריין. ס'האָט געשריען און געוואָרפן מיט די פיס־לעך, אַז די מאַמע איז ערגעץ אַרוים אויף אַ מינוט.

אַנדריי האָט זיך עטלעכע מאָל דורך דער נאַכט געוועקט, אָפּצוואַרטן די צונג. ער איז צוריקגעקומען אין שטיבל־אַריין, ווו אויפן פענצטער האָט זיך געלויכטן צום דרויסן אַ ביי־כיקער נאַפט־לאָמפּ. דאָס שטיקל פּאַפּיראָס אויף אַ ווינקל ליפּ ביי אים האָט זיך גערויכערט. אין דער טונקל האָט ער זיך איינגעקוקט, ווי דאָס קליינע וועקט זיך ביי דער ברוסט פון דער מאַמען. די מאַמע שלאָפט מיט אַ שווערן, גערדיכטן שלאָף. אירע ליפּן קרומען זיך אויס, ווי אויף אַ שמייכל און דער אונטערשטער קין ציטערט. זי מורמלט עפּעס פאַרשטיקט אין קישן אַריין, פאַרדעקנדיק שיר נישט דאָס קינד מיט איר אָטעם. „מיקאַלע, טייערער, הער אויף“.

די דאָזיקע מורמלערייען פון שלאָף הערט ער שוין אַ גאַנץ יאָר פון איר, זינט ווען זי האָט, נישט זייער גערן, אַהערגע־ברענגט איר באַשיידן פּעקעלע מיט די הויכע שיך צום פאַרשנורעווען. זי רעדט מיט אים זעלטן אויס אַ וואָרט און פּלאַפּלט אַלץ אַרום מיט די פאַרביינגייער.

אַמאָל וואַרט איר גאָר אָפּ אין פאַרנאַכט, ביי דער פּלומבע, אַ יינג מיט אַ העלער, דאַרפישער טשופרינע. אַז זי קומט דערנאָך אונטער צו דער הייזקע, ווו אַנדריי שטייט אויף דער שוועל, מיט אַ פאַרכמורעטן בליק פונדערזייט, פאַרענט־פערט זי זיך צערויטעלט:

— אַ באַקאַנטער, נאָך פון דאָרף... אַז ער פאַרבלאָנדזשעט אין שטאָט־אַריין, איז נישט אַנדערש — ער וויל זיך זען...

אין די זונטיקן ווערט זי גאָר ערגעץ פאַרפאַלן און קומט צוריק אָנהויב אָוונט. דאָס קינד רייסט זיך אין דער ליידי־קער הייזקע און ער קען עס נישט איינשטילן. מיט זאַפטיקע ליפּלעך זוכט עס ביי אים די ברוסט און ער טוליעט עס אַרום:

— נו, שא, וויין נישט, קינדעלע — א מאמינקע ביי דיר!...

ער וואַרט איר אָפּ ביי דער שוועל, א שווייגנדיקער, און ער גייט איר נאָך אין פינצטערן שטיבל־אריין. א שטיקל פּאַפּיראָס רויכערט זיך ביי אים אויף א ווינקל ליפּ. ער גייט ארויס אָפּוואַרטן די צוגן ביים בריקל און אַז ער קומט אריין, סקריפּען שווער די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע. ער טראָגט אריין פון אנדערן ביידערל דעם לאָמפּ און שטעלט אים אַנידער אויפן טישל. זי וועקט זיך איבער. ער שטייט איבער איר בעט:

— דאָס קליינע זויגט און דו צעפּירסט אין שלאָף מיט די הענט, שיר נישט צו דערשטיקן עס... ס׳כאָלעמט זיך דיר, וואָס?...

זי רייסט זיך אויף צעשויבערט:

— אוי, מאַמעלעך מיינע, ווער, דו ביסט עס, אנדריי?... טפו, טפו, אַלע וויסטע, בייזע כאַלוימעס...

אין דער פינצטער רויכערט זיך ביי אים א גאַנצע נאַכט דאָס שטיקל פּאַפּיראָס אויף א ווינקל ליפּ; און איר בעט — קרעכצט פון שווערקייט.

2.

אין יענעם זעלבן זומער האָבן זיך איינמאָל דורך דער צע־שאָטענער הינטערשטאָט אָנגעהויבן פאַרבייצושלעפּן פול־אָנגעפּאַקעוועטע צוגן מיט מיליטער און אַמוניציע. אין די קורצע, זומערדיקע נעכט האָט אנדריי געשטעקט אין די פינצטערע שויבן און צוגעהערט זיך צום אומהיימלעכן גע־רויש פון די צוגן, וואָס האָבן זיך געבויערט אין דער ווייטער שטילקייט.

39- 77036

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט ער געקנייטשט אין דער האַנט אַן אייערנעכטיקע צייטונג, ווו ס'איז געווען אַליאַרמירט וועגן דייטשן מיליטער, וואָס איז אַריבער די רוסישע גרענעצן...

דעמזעלבן זונטיקדיקן אָוונט איז דאָס ווייב זיינס, דוניאַשע, אינגאַנצן נישט אַהיימגעקומען פון שטאָט. דאָס בלאָנדע, אייניעריקע מיידעלע האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געריסן, געמאַכט גוואַלדן פונם אָנגעבונדענעם קויש אונטערן באַלקן און ער האָט עס נישט געקענט איינשטילן. ער האָט עס פאַרוויקלט אינם קאָלדרעקעלע, גענומען עס אויף די הענט, איז אַרויס דערמיט פאַר דער שוועל און אַראָפּגעלאָזן זיך אויפן אָפּגעפוילטן בענקל, פאַרן פענצטער. דער אָוונט איז צוגעפאַלן אַ וואַרעמער. אַ בלעטל אויף אַ בוים האָט קיין שאָרך נישט געטון.

— נו, שאַ, קינדעלע — האָט ער עס געטוליעט — זע, אַ מאַמינקע ביי דיר! אַוועקגעגאַנגען, איבערגעלאָזן און ס'נישטאָ ווער ס'זאָל דיר אָנהאָדעווען... ביי מיר איז אויך אַמאָל געווען אַ מאַמע — אָ, זייער לאַנג האָב איך זי שוין נישט געזען. זי לעבט שוין נישט מער...

ס'קליינע האָט אַרויפגעקוקט צו אים מיט גרוי-פאַרטרערטע, אומעטיקע אויגלעך. ס'האָט ווי עפּעס פאַרשטאַנען און איז שטיל-געבליבן.

און אָט איז אים אויפגעגאַנגען דאָס ווייטע דאָרף, וואָס ער האָט מיט אַ יאָר צען צוריק פאַרלאָזן, אויף שטענדיק שוין פאַרלאָזן. אין יענעם באַגינען איז אַ פויעריש פורל אָנגעלאָפן איבערן שטויביקן טראַקט און פון ראָזן נעפּל האָט זיך גענומען שיילן אַ יינג, שיטער בעריאָזע-וועלדל. אינם דאָזיקן פורל איז ער, אַנדריי, געזעסן...

די נאָנטע שטאָט האָט זיך געפינצטערט פונוויטן מיט

איינציקע, צעזייעטע לאמטערנס פון הינטערגעסלעך. צווישן שאטדיקע קרוינען, פון יענער זייט שאסיי, האט זיך א שטיקל לעוואנע אראפגעלאזן איבערן געדיכטן פארק. אינם זומער־טעאטער, אויף די ברייט־אילומינירטע טעראסן, האט גע־שפילט מוזיק. פייערן האבן אויפגעבליצט צווישן די פינצ־טערע בוימער־אלייען. וויטע געלעכטערן האבן זיך דער־טראגן פון אומעטום.

אין פארנאכט האבן זיך מיליטערישע וועגן געטרייסלט איבערן שאסיי; און צום זומער־טעאטער, אין פארק, זענען פארפארן אויסגעסטראיעטע קאטשן. אפיצירן מיט זייערע דאמען זענען אויסגעשטיגן. געארעמטע, זענען זיי פארפאלן געווארן צווישן די טונקעלע אלייען. אנדריי גראמאוו האט זיי לאכלוטן נישט פארשטאנען:

— דער דייטש איז אויף דער רוסישער ערד און — אט הוליעט עס, ווי קיינמאל גארנישט!...

פאראיינוועגס האט ער זיך שוין דערמאנט אין זיין היג־טישער צוגעבונדנקייט צום פלאנט, צום איבערגעווארפענעם בריקל, ווו ער מוז אפווארטן די צוגן אין די נעכט.

דאס קינד אויף זיינע הענט האט שטיל און בארויקט גע־אטעמט. ער האט עס אריינגעשטופט זיינס א הארטן פינגער אין מיילעכל און ס'איז, זויגנדיק אזוי, איינגעשלאפן.

אינדערפרי איז די מאמעטשקע צוריקגעקומען, א צעשוי־בערטע, מיט בלויע רינגען אונטער די אויגן. זי האט זיך אייליק גענומען איינפאקן איר קליין קיישל, וואס זי האט אהערגעברענגט מיט א יאר צוריק און, שטייענדיק ביי דער שוועל, האט זי נאך אים א רוף־געגעבן:

— היי, אנדריי, שווייגסט? נו, טא שווייג דיר ווייטער... מיר, ווי זאל איך דיר עס זאגן? ס'איז מיר אומעטיק מיט

דיר... און ס׳קליינע — וועסטו מיסטאמע אליין באווייזן עס אנצוהאדעווען... איך קען זיך נישט מיטשלעפן דערמיט, דאס פארשטייסטו דאך אליין... נו, און אז ס׳וועט זיין שלעכט ביי אים, וועל איך נאך עפשער צוריקקומען...

ער האט זי לאנג נאכגעקוקט, ביי דער שוועל שטייענדיק, ווען זי איז, שלעפנדיק איר באגאזש, אוועקגעגאנגען מיטן פלאנט. ער האט זי אזוי לאנג נאכגעקוקט, ביז דאס שטיקל פאפיראס אויף זיין ווינקל ליפ האט זיך אויסגעלאשן...

3.

אין שטאט האט מען זיך שוין איצט פיבערדיק געפאקט אין וועג־אריין. נידעריק־באהאנגענע פורלעך האבן זיך אוועק־געטרייסלט מיט דער צעשאטענער הינטערשטאט, ארויפצו, צום וואקזאל. די באפעלקערונג האט מוירע געהאט, אז צו־ליב דער נאנטקייט פון דער פעסטונג וועט די גאנצע שטאט אויפגעריסן ווערן.

מען האט זיך אויף אן עמעס געגרייט נישט אזוי לייכט אפצוגעבן די באפעסטיקטע פאזיציעס ארום דער שטאט. אלע אפגעליידיקטע גאסן זענען געווען פול מיט מארשירנדיק מיליטער און מיט אומעטיק־צעצויגענע לידער.

ביים אויסלאז פון פלאנט זענען געשטאנען די פריצישע שטיבער, דיזעלבע, וו ס׳געפינט זיך היינט דאס קאנטארל פון טארטאק. ארום און ארום ציען זיך נאקעטע פליינען. אלע ארמייען, וואס האבן נאכדעם דורכגעמארשירט די שטאט, האבן דא געהאט זייערע שטאבן און פערד־שטעלער. דעם צעבליטן קארשן־גארטן און די נידעריקע גערטל־שטאכעטן האט מען אין די קאלטע ווינטערן אויסגעבראכן אויף הייץ־מאטעריאל.

דעמאלט אבער זענען נאך די שטיבער באוווינט געוועזן

דורכן „קאַזנאַטשיי“ און דעם פּאָסט־נאַטשאַלניק גאָלובאַי, דעם פערטן יאָר אַן עמעריט. געוווינט האָט ער דאָ צוזאַמען מיט זיינע דריי פאַרזעסענע מיידן און מיט דער קיך־און הויף-דינערשאַפט.

אין יענעם פרימאָרגן האָט מען זיך פלוצים און אין גרויס איילעניש גענומען אַרויסקלייבן פון די שטיבער. נאָכמיטאָג האָט מען געזעען די לעצטע שטאָטישע פורן פאַרבייציען זיך מיטן פלאַנט, צום וואָקזאַל־צו.

דער אַלטער פעדיאַ, אַ לאַנג־יעריקער קוטשער ביים פּאָסט־נאַטשאַלניק, האָט זיך אין יענעם פרימאָרגן היפּש אַרומגע-פּאָרעט ביים אָפּפירן דאָס גאַנצע באַלעבאַטישקייט צו דער באַן. געוואַרט האָט שוין אויף זיי עקסטרע אַ וואַגאָן פון אַ מיליטערישן צוג, וואָס גייט דירעקט אויף מאָסקווע.

פאַרבייפאָרנדיק אַנדריי׳ס הייזל, איז דער קוטשער פעדיאַ אַרונטער פון דער הויך־אַגעלאַדעוועטער פור פאַררויכערן און האָט שוין פאַראייניוועגס באַשלאָסן צו פאַרלירן אַ פּאָר ווער-טער מיט אים. נאָר אַז ס׳איז שוין געקומען צו רייד, האָט ער אים אַלץ פאַראַמאָל אַרויסגעשיט.

— אַנטלויף, אַנדריי, ווי גאָט אזוי דיר ליב, אַנטלויף! די שטאָט איז שוין אָפּגעליידיקט... מען זאָגט, אַז מינעם זענען דיר אומעטום פאַרשטעקט און ווי נאָר דער דייטש וועט אַריבערטרעטן די שוועל, וועט עס אַלץ געלאָזן ווערן אינדערלופטן. אָט ער, דער „קאַזנאַטשיי“, אַ קלוגינקער אַביסל — צוואַנציק יאָר, אַז איך דין ביי אים — ער פּאָרט שוין אויך אַרויס. און צו מיר זאָגט ער: „גיי דיר, פעדיאַ, וווּ דו ווילסט נאָר אַליין. נישטאָ וואָס צו היטן און וועמען צו פירן. מיר אַלע פאָרן אַרויס צו נאַדיענקען, דער פלימע-ניצע, הינטער מאָסקווע...“ און אָט בלייב איך איינינקע

אַליין. צו וועמען זאָל איך פאָרן? ווער איז מיינס און וועמענס בין איך? אָט, אַ לעבן, אַנדריי... נו, וואָס-זשע זאָגסטו עפּעס נישט דערצו, האַ? דו — דין זיי מיט ליב און לעבן און אָט, אויף דער עלטער, דינט מען דיר אָפּ. נאָך דער טאַטע מיינער איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ קוטשער ביי זיין טאַטן. און געשטאָרבן איז ער טאַקע אין שטאַל, ביי דער ווייסער קליאַטשע מיטן שוואַרצן פלעקעלע צווישן די אויגן... וואָס ווייסטו, ער האָט זי ליב געהאַט ס'לעבן... כ'געדענק: ער שטייט אַזוי און שפּיגלט זיך אין איר, פּאַטשט זי אינם אויסגעבערשטן הינטן. און זי — לעקט אים די הענט, דאָס פּאָנים... אָך, אָך, וואָס ער האָט זיך עס אַלץ אָנדערציילט, ווי מיט אָט דער ווייסער קליאַטשע איז ער דעם צאַר אַליין געפאָרן באַגעגענען. ס'איז זיך אַזוי געווען אַ פּאַראַד און דעם „קאַזנאַטשיי'ס" טאַטע, אַ גרויער און אַ בייזער, איז צוזאַמען מיט נאַטשאַלסטווע אַרויס באַגעגענען דעם צאַר צום „דומסקי פלאַשטשאַד"... אַ יאַם מיט קעפּ געווען. נו, יאָ, איז אויף די בעלער, וואָס מ'האָט דערנאָך געפּראַוועט, האָט זיך דער טאַטע גענוג אָנגעפּרווירן, וואַרטנדיק הינטער די טירן. ביי די פערד איז ער געווען. און אַ זאַוויערוכע האָט געווילדעוועט, אַז ס'האָט געקערט וועלטן... דאָס אַלץ האָט ער דערציילט און אַזוינע זאַכן, מאָל-דיר, געדענק איך אויבעט. ווי זאָל מען עס זאָגן — אַ באָיאַר איז דיר אַ באָיאַר און אַ קוטשער — אַ קוטשער... גיב אַ שטיקל פייער, ווײַל איך פאַרציען. מען קען נאָך פאַרשפּעטיקן אויך.

נאָכקריכנדיק ביי דער זייט, האָט ער צולעצט, אָן איבעריקן כיישעק, אַ שמיץ-געגעבן דאָס פערד איבער די פיס און האָט צוגעוואָרפן, ווי צום פאַרענדיקן שוין:

— אָט גייט מען זיך איצט אַ ראַנגל-טון מיטן דייטש.

נאַכוואָס, נאָכוועו, פרעג איך? עפּשער ווייסטו עס?

דער אומעטיקער רויך האָט אים פאַרוואָלקנט דאָס פּאָנים, ווען ער איז אַרויפגעקראָכן גאַנץ אויבן און האָט זיך אוועקגעטרייסלט מיט דער הינטערשטאָט, צום פאַררויכערטן וואָקזאַל אינדערנאָנט.

און אַנדריי איז דערנאָך פאַרטראַכטערהייט צוריקגעגאַנגען צו זיין הייזקע. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אומעטיק אויסגעשפּיגן און האָט עפּעס נישט געפונען קיין רייד.

— און עפּשער גאַנץ ריכטיק אַריינגעזאָגט, — האָט ער געבלאָזן פון זיך דעם רויך, באַטראַכטנדיק דאָס אויסגעהערטע פּונם קוטשער — יאָ, ריכטיק, אַ באַיאַר איז דיר נישט קיין קוטשער... אַליין אַנטלויפט עס, טראָגט זיך אָפּ...

ער האָט באַשלאָסן צוגיין אַדורכרעדן זיך אַביסל מיטן פּעטער וועגן די אַלע זאַכן און אַלצאַיינס דערוויסן, ווו ער קלייבט זיך עס אַרויסצופאָרן. שוין לאַנג, אַז ער איז ביי אים נישט געווען.

דעם פּעטער האָט ער שוין דאָרט אָבער מער נישט געפונען. דער גאַנצער רינג הילצערנע שטיבער איז געוועזן אָפּגעליידיקט און איבער די שטויביקע גאַסן, אַרום דעם גרינעם צערקווועלע, זענען פאַרבליבן שטומע, איינגעשניטענע רעדער-קאַליעס. לעצטע פורלעך האָבן נאָך דאָ ערגעץ אוועקגעסקריפּעט צום וואָקזאַל. זאַליוזן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן מיט אַ גערויש. היימלאָזע, איבערגעשראָקענע הינט האָבן אין רויטן פאַרנאַכט אומגעבלאָנקעט איבער אַלע פּלעצער פון שטאָט.

אַנדריי איז אוועק צום סטאַנציע-נאַטשאַלניק, דערוויסן זיך וועגן זיין גורל; אָבער די געדאַנקען האָבן אים אומעטיק צוריק אַ פאַרטראָג-געגעבן צום קוטשער פעדיא. און וועגן

ווייב האָט ער געטראַכט, וועגן דעם קינד, וואָס רייסט זיך דאָרט אַוואַדע אין דער ליידיקער הייזקע. „עך, דאָליע פאַר־שאָלטענע" — האָט ער זיך געביסן די העלע וואָנסן..."

4.

דעם וואָקזאַל איז איצט נישט געווען צו דערקענען. ווו נאָר אַ וואַזטע־זאַל, ווו נאָר אַ שטיקל פּעראָן — אומעטום באַליינגט פון ווייבער, וויינענדיקע קינדער און אַלטע לייט, ווייל אַלע יינגע זענען געהאַט אַוועק אויפן פראָנט. די אַנ־געוואַליעטע פּעק האָבן זיך געהויפט איינס איבערן אַנדערן, ווי מ'וואָלט זיי נאָר־וואָס אַפּגעראַטעוועט פון אַ ברענענדיק הויז. דער לעצטער צוג איז אַפּגעגאַנגען און מער קיין ציווילע האָט מען שוין נישט אויפגענומען.

אַלע איינגענג און אַלע טירן זענען געווען פאַרשטאָפּט. נישט מעגלעך געווען צו דערשלאָגן זיך צו עמיצן. מ'האָט דאָ, איבעריגנס, שוין דערציילט, אַז מיט איינעם פון די לעצטע צוגן איז פריער אַפּגעפאָרן די גאַנצע באַן־דירעקציע און בלויז עטלעכע טעלעגראַפיסטן, מיליטערישע, זענען פאַר־בליבן. מער קיינער נישט.

איז ער מיטן פרייען פּלאַנט צוריק אַוועק צו זיין איינ־זאַם, אַפּגעלעגן הייזל. קיין איין פייערל האָט ער נישט באַ־געגנט אויפן וועג. די ווייט־צעוואָרפענע שטאָט איז, אין וואַרימען כווישעך, געשטאַנען אויסגעלאָשן און פאַרלאָזן. ער־געץ האָבן צוגן געשניטן די נאַכט מיט אומהיימלעכע פייפע־רייען.

ערשט שפּעטער האָט אין שטיקנדיקן כווישעך אויפגעבליצט די שטאָט פונדערווייטנס — זי האָט אויפגעבליצט פון פאַר־שיידענע ווינקלען מיטאַמאָל. אַלץ איז געשטאַנען אין שפּי־

ציקע פלאמען און אין אויסגעלויכטענע סרייפעס. לענגאויס דעם „ניעווסקי פּראָספּעקט" האָט זיך דאָס פייער איבערגע־וואָרפן פון הויז צו הויז. פונווייטן האָבן זיך די בולוואַרן, אַנטלויפנדיק גאַס־אַראָפּ, אַנטפּלעקט ווי אינמיטן העלן טאָג.

אין יענער מוירעדיקער שאָ האָט אַנדריי צום לעצטן מאָל אַ פּאַרקלאָפּ געטון די טיר הינטער זיך און איז מיטן פאַר־וויקלטן קינד אויף די הענט, דורך צעפלאַנטערטע רעלסן־שנורן, אַוועק מיטן פּלאַנט. ער איז דער לעצטער אַנטלאָפן פון דער ברענענדיקער שטאָט, וואָס איז דורך די דריי פאַר־לאָפענע מעסלעס, אין גרויס איילעניש, אָפּגעליידיקט געוואָרן פון העכער פופציק טויזנט איינוווינער.

קיין צוגן זענען שוין נישט געגאַנגען. דער וואָקזאַל איז באַלייגט געווען פון מיליטער. דורך די פּאַרפּאַקטע איינגענג האָט ער זיך פונדערסטוועגן דערשלאָגן צו איינעם פון די פּאַראַנטוואָרטלעכע. ער האָט אים באַוויזן זייַנע דאָקומענטן.

— פּאַרשפּעטיקט, ווי איר זעט. און מיט אַ קינד אויף דער האַנט!

— וווהין־זשע ווילסטו עס פּאָרן, אַז קיין צוגן גייען שוין נישט?... וואַרט צו, עפּשער וועט נאָך האַלבע נאַכט אָנפאָרן אַ צוג מיט פּאַרוווּנדעטע פון פראָנט, איז דעמאָלט — פאָר!

געוואַרט האָט ער זייער לאַנג און אינם סאַניטאַרנעם צוג וואָס איז ערשט אָנגעפאָרן באַגינען, האָט ער זיך אָפּגעזוכט אַ ווינקל וואַגאָן, נאָנט צום לאָקאָמאָטיוו.

לאַנגע מעסלעסן האָבן זיך די צוגן געשלעפּט אין וועג. אויף יעדער סטאַנציע האָט מען אָפּגעטשעפּעט דעם לאָקאָמאָטיוו און ס'איז אויסגעקומען צו וואַרטן עטלעכע טעג, ביז מ'האָט ווייטער געריוּרט. שיטערע נעפּלען האָבן איינגעהילט די או־מעטיקע רוסישע פעלדער. מער ווי אומעטום געדענקט זיך

אָבער די הינטערשטאָט פון קיעוו, וווהין ער האָט, נאָך צוויי וואָכן אומוואַלגערן זיך אונטערוועגנס, קוים זיך דערקריגן. אונטער די בריקן פון אָט דער זוניקער שטאָט רוישט אַ טייך, ער טענצלט אונטער און פאַלט אַראָפּ פון הויכן. די שטאָט — אויך אַזוי. די גאַסן שיטן זיך אַראָפּ אין דער נידער.

5.

דער פאַרוואָגלטער פּוילישער סטרוזש, ביי וועלכן אַנדריי פאַרנעמט אַ ווינקל פונם אויסגעקאַלעכטן שטיבל, ערגעץ אויף אַ פאַרוואָרפענעם הינטער־הויף, דרייט זיך די גערדיכטע וואָנסן, צווישן וועלכע ס'שטעקט אַ היפּשע נאָז מיט רויטע אָדערלעך. אַלע אָוונט שמועסט ער זיך מיט אים פון נאַנדער. זייער פרי ווערן אַלע טויערן און אַלע שלעסער אין שטאָט פאַרריגלט.

די צייטן, מוז מען וויסן, זענען שוין אַצינד אַנדערע — אומרויקע און פּריליגנדיקע. אין שטאָט וויצלט מען זיך, אַז די מאַכטן טוישן זיך דאָ ווי מען טוישט שקאַרפּעטן. נאָר אַ קלאַנג איז צו די וויצן אויכעט — יעדערע פון זיי לאָזט איבער נאָך זיך עטלעכע צענדליק צעשאָסענע. דאַסמאָל האָט מען שוין געדאַנקט גאָט, וואָס מ'איז ענדלעך פּאַטער געוואָרן פון פּעטליורען. די באָלשעוויקעס האָט מען אויסגעקוקט מיטביידע אויגן. אָבער זיי זענען נאָך דערווייל צופיל פאַרנומען געווען אויף די נאָענטע פראָנטן.

די שלאַכט מיטן פּוילישן מיליטער אַרום דניעפּר איז געווען אַ פאַרביסענע. אומבאַמערקט האָט מען שוין אין שטאָט פון די געביידעס די רויטע פענער עטלעכע מאָל געהאַט אַראָפּגענומען און — צוריק אויפגעהאָנגען.

דער אָרימער פּוילישער סטרוזש, וואָס האָט אַלע זיינע

יאָרן געקערט די הויפן ביי רייכע, האָט כאָטש געוואָלט, אַז די פּוילישע שליאַכטע זאָל פאַרנעמען קיעוו אויך. אַזוי האָט ער געכאָלעמט אין די אומרויקע נעכט, ווען אַלע ריגלען און אַלע טויערן אין שטאָט זענען געווען פאַרקלאַפּט. דער רויש פון די פּוילישע עראָפּלאַנען איבער דער שטאָט האָט אים געמאַכט אויפצאַפּלען. ער ווישט זיך די וואָנסן, ווי נאָך אַ געשמאַקן טרונק, כאָטש קיין ביסל „סאַמאָגאָנקע" האָט ער שוין פאַר די אויגן לאַנג נישט אָנגעקוקט...

די שיסעריי הערט נישט אויף. די היינטיקע נאַכט דאַרף עס אַנטשיידן: צו אויף די געביידעס פון דער שטאָט זאָל מען אַרויסהענגען רויטע, אָדער רויט-ווייסע פענער...

געוויינלעך רעדט מען נישט אין אַזוינע צייטן פאַר קיינעם, פאַרן נאָנטסטן אַפילו אויכעט נישט; מען הויבט מיט די אַקסלען, מען שטאַמלט און ווי יענער שמעקט — וועסטו קיינמאָל נישט דערגיין. נאָר אַז אַלע ריגלען און אַלע טויערן אין שטאָט זענען פאַרקלאַפּט, ס'איז אָוונט-צייט, זיצט מען ביים סטרוזש אין אויסגעקאַלעכטן שטיבל און מען שמועסט זייטיק וועגן דער נייער „וולאַסט". איבעריגנס, דער פאַרוואָגלטער סטרוזש, דער פּאָליאַק, האָט זיך דאָ נישט פאַר וועמען צו היטן. פאַר אַנדרייען — זיכער נישט. און אַז ס'קומט שוין צו רייד, רעדט זיך:

— און זיי, מיינסטו, די נייע „וולאַסט", וועט דיר שוין ברענגען אַלע גליקן, וואָס זיי זאָגן אַלץ צו?... עט, פּאַניע, דער הונט דאַרף האָבן דעם שטעקן און דער קנעכט — די בייטש... אָט פליען שוין ווידער „יעראָפּלאַנען" איבער דער שטאָט. די ברידער פּאָליאַקן האָבן אַ יאָג-געטון ביז אַהער. פאַרשטייסט — אייגענע פּוילישע זעלנער. אַלע יאָרן, ווי

איך טראַכט: וואָס פּאַרא פּאָלק זענען מיר אָן זעלנער?... נו, אַ פרייד אַביסל...

און אַנדרייען פעלן אַלץ אויס רייד, אָבער ער זאָגט אים, אַז —

— אָט האָט מען דעם צאַר־באַטיושקאַ צעשאָסן, אָט דעם, וואָס האָט אָנגעטריבן אַזאַ בלוטיקע מילכאָמע; די פּריצים — פאַרטריבן. דאַכט זיך, אַ גלייכע זאַך, אַ?...

זיצט ער אין אַ ווינקל ביים אויוון און שווייגט. צווישן אַ סאַך העלע קעפּלעך לויפט דאָ אויך אַרום דאָס זעקס־יעריקע מיידל זיינס. אַז ער קומט אַהיים, לויפט עס אים אַנטקעגן און טוליעט זיך איין אין אים, ווי ס'וואָלט צוגע־פאַלן צו דער מאַמען. עס קוקט אַרויף צו אים מיטן קורץ־פאַרריסענעם נעזל און מיט די גרויע אויגלעך. די גרויע אויגן זענען אַקוראַט זיינע, נאָר אַזאַ קורץ־פאַרריסן נעזל איז געווען ביי דוניאַשען, דעם ווייבל זיינעם, וואָס איז אַוועק, ווייל ס'איז איר אומעטיק געווען ביי אים. דאָס קליי־נע פרעגט זיך טאָקע אַלעמאָל נאָך, צו זי האָט אויך אַמאָל געהאַט אַ מאַמען און וו זי איז ערגעץ?

ער נעמט זי אויף די הענט און ווייזט זי צום דרויסן:

— אַזוי ווי ס'וועט נאָר שטיל ווערן די שיסעריי, וועט מען פאָרן צו דער מאַמען. אַזיוווי ס'וועט זיך נאָר איינשטילן!...

זי שליסט צו אירע גרויע אויגלעך, טוליעט זיך איין אין אים און — גלויבט. זי גלויבט, פּונקט ווי ער אַליין האָט אַלע זיינע יאָרן געגלויבט. זי עפנט זיי דערשראָקן אויף, ווען אינדרויסן דונערן נאָכאַמאָל אויף די אַראָפּגעפאַלענע באַמבעס.

— אָ, הערסט, טאַטע, מע שיסט! ווער שיסט עס?

— ס'הייסט, ווער? דאָס טרייבט מען אַוועק פון דער שטאָט די פּאָליאַקן, נאַרעלע!...

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט די שטאָט נייגעריק באַטראַכט די פרעמדע זעלנער אין די גרינע, צעפּלויגענע שינעלן, מיט די שמאָל-פּאַררוקטע היטעלעך אויף די קעפּ. אָרמעטום האָבן זיי אָנגעשפּאַרט. הינטער די בריקן פון דער שטאָט האָבן זיך געררויכערט זייערע פעלד-קיכן. אין לעצטן פאַרנאַכט האָבן זיי געבּרענגט אַראָפּצופירן עטלעכע יונגעלייט, פאַרדעכטיקטע אין שפּיאָנאַזש, און מ'האָט זיי אײנעם נאָכן אַנדערן דערשאָסן.

6.

אויפן אַנדערן אינדערפרי האָט דאָס רויט-האָריקע מיידל פונם הויף — אָליע ט'מען זי גערופן — אָנגעקלאַפּט מיטן פּריקלאַד אין טויער.

— עפנט — האָט זי געשריען — איך לעב נאָך!...

זי איז פאַרשוואונדן פונדאַנען צוגלייך מיט אַלע יונגען און מיידן פון קאָמסאָמאָל, וואָס האָבן דעם לעצטן מאָל פאַרשלאָסן די טיר פון זייער קלוב און האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ בלעטל מיט עטלעכע פּאַשעטע ווערטער: „אַלע זענען אַוועק אויפן פראָנט"...

אין איר טומלדיק צימערל, אין איינער פון די פּראָנאָווע דירעס, וואָס זענען אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן די אַרבעטער פונם רינג מויערן, זענען קעסיידער פאַרגעקומען שטורמישע זיצונגען. צום צווייטן יאָר-טאָג פון דער רעוואָלוציע האָט זי דאָ, אין גרויסן הויף, געערדט פאַר אַן אוילאָם. אירע יינגלעריש-אונטערגעשוירענע האָר האָבן זיך געווייעט אין ווינט.

רעדנדיק אַזוי, האָט זי זיך שטאַרק פאַרהוסט; דאָס האָט זי דער טאַבאַק אויסגעפּרעסן די לונגען — פון צען יאָר אָן האָט זי געאַרבעט אין אַ פּאַפּיראָסן־פאַבריק.

מיט עטלעכע טעג פריער האָט זי עמיץ פון הויף געזען, אין אַ אוניפאָרם, מיט אַ ביקס אויף די דאַרע אַקסלען, אַריבּער־מאַרשירן דורך איינעם פון די שטאָטישע פּלעצער צו די אויפגעריסענע בריקן איבערן דניעפּר.

אין דעמזעלבן אינדערפרי, ווען דאָס פּוילישע מיליטער איז צוריק אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער שטאָט, האָט זי גע־קלאַפּט אין טויער. זי איז געקומען צעזעגענען זיך מיטן הויף, ווייל זי האָט געאיילט אויפן פראָנט, אַ יאָג צו געבן די פּאָליאַקן.

די ביקס פון דער האַנט האָבן זי די כאַווײרים שפּעטער אַרויסגעריסן, טרעפנדיק איר איינמאָל אָנגעשפּאַרט אין אַ מויער, אַ הוסטנדיקע, ווי זי האַלט זיך צו ביי דער ברוסט. זי האָט זיך געווערט, נישט געוואָלט אַוועקגעבן. צו דער סאַ־ניטאַרקע האָט מען זי שפּעטער צוגעטיילט, אָבער דעם ביקס פון דער האַנט האָט זי נישט אַרויסגעלאָזן...

אין דערזעלבער סאַניטאַרקע — אַ פאַרמאַכטער אויטאָ, אָן אַרומגעשיילטער — האָט זי מיט צוויי שאָ שפּעטער געדראַפּט אָפּפאָרן צום נאָנטן פראָנט, איז זי צולעצט אַריין זיך צעזעגענען צום סטרוזש אין שטיבל.

— גיב אַהער דאָס פּיסקל, קליינע און דו, אַנדריי, — אַהער אַ האַנט! איך פאָר באַלד אָפּ מיט דער סאַניטאַרקע. באַנדאַזשירן פאַרוווּנדעטע כאַווײרים פאָר איך. און דו — וואָס זיצסטו דאָ, אַנדריי?... נעם אַ ביקס אין דער האַנט־אַריין און קום מיט אַ יאָג־געבן די פּאָליאַקעס. זינט ווען איך קען דיר, ביסטו צו אַלעם גלייכגילטיק. אַט, אין זייערע

מאמעס־אריין — האט זי א ווייז־געטון מיט דער ביקס ארום די ווענט — פון אלע זייטן סאנים. פאר פראנצויזיש און פאר ענגליש געלט. פאר וועמען שלאגן מיר זיך, פרעג איך?...

— פארשטייען פארשטיי איך! נאר אט די קליינע — ס׳איז א שוואכס און אויף וועמען וועל איך זי איבערלאזן איינינקע אליין?

— א גרויסע מויד און ער זאגט — א קליינס — זי האט איר געגלעט איבערן בלאנדן קעפל — שא, ווייסטו וואס: מיר נעמען זי מיט! מיט דעם פארלאז זיך אויף מיר. איך וועל זי שוין אפהיטן. קום! מען מוז א אייל־געבן!...

דער סטרוזש האט זיך זייטיק איינגעקוקט. גערעדט האט ער גארנישט, געדרייט די צעוואקסענע וואנסן און באהאלטן אין זיי טיפער דער היפשער נאז מיט די רויטע אדערלעך. ביז צום טויער האט ער זיי מיטבאגלייט...

7.

מיט צוויי וואכן שפעטער האבן פארמאטערטע באלשע־וויסטישע אפטיילונגען געטריבן אין קארק־אריין די פוילי־שע ארמיי מיט די בלאטיקע שאסייען פון קאברין אויף בריסק. ביי דער פעסטונג ארום בוג האבן זיך די פאליאקן פארהאלטן צוויי מעסלעס אין די אלטע מויערן און אין די פארטן. פון דארט האבן זיי באשאסן דער אנגעלאפענער קאוואלעריע און דורך די ארונטערגעלאזענע הענג־בריקן — נישט צוגעלאזן צו זיך. די שטאט׳ גופא איז שוין געווען פארנומען, נאר הויך איבער אלעמענס קעפ האבן דורכגע־קרייצט דעם הימל פוילישע עראפלאנען. אומקרייזנדיק, האבן זיי געצילט איבער די בארעווע מארק־קראמען, ווו די

אָבאָזן און די אויסגעשפּאַנטע פערד האָבן גערוט. פון אונטן האָבן זיך אָנגעשטעלט אויף זיי אַ וואַנט מיט לופעס.

פאַרנאַכט, נאָך דער איינגעשטילטער שיסעריי, איז אַנדריי אוועק צו זיין אמאָליק וועכטער־הייזל. מיט אַ באַזונדער אויפ־געהייטערט געפיל איז ער אָנגעקראָכן צום פּאַרק און האָט זיך מיט די גערטנער אַראָפּגעלאָזן צום אויפגעריסענעם פלאַנט. דאָס הייזל האָט ער באַגעגנט אַ ניש־געריריט'ס. אָבער דורך די זומערן און ווינטערן האָבן שנייען, רעגנס און ווינטן אַ־ראָפּגעטראָגן דעם צוגעפוילטן שינדל־דאַך. פאַרבליבן זענען אויפן בערגל פיר צעשאָקלטע ווענט, וואָס האָבן אַראָפּגע־קוקט צו די נאַקעטע פליינען און צום ברייט־אויפגעריסענעם, אויסגעקלאָרטן האָריזאָנט.

די דייטשן האָבן דאָ אין טיפן הויף אוועקגעשטעלט אַ טאַרטאַק־שאָפּע, מיט דער באַן־ליניע האָבן זיי דאָ פון די נאָנטע וועלדער צוגעבראַכט וואַגאָנען געהילץ, צעשניטן זיי און טראַנספּאָרטירט די ברעטער קיין דייטשלאַנד. אָפּטרעטנ־דיק, האָבן זיי אַלצדינג איבערגעלאָזן אויף העפקער. זיי זע־נען אַנטלאָפן מיט די לעצטע צוגן, ווען די לעגיאָנערן זענען שוין געהאַט אַריינגעריטן אין שטאָט.

אין די פרישישע שטיבער פונעם עמעריטירטן פּאָסט־נאַ־טשאַלניק גאָלובאָי איז די גאַנצע צייט געווען די טאַרטאַק־ביוראָ. דאָ איז געזעסן דער שטאַב, וואָס האָט אַכטונג גע־געבן אויף די „פלעננניקעס", די רוסישע געפאַנגענע, וואָס האָבן געהאָרעוועט אַרום טאַרטאַק און זענען געשלאָפן אין די הילצערנע באַראַקן אויפן אַנדערן עק פלאַנט, אַ קאַרגן וויאָרסט פונדאַנען.

איצט האָט איבער די דאָזיקע שטיבער געפלאַטערט אַ רויטע פאָן. זי האָט זיך געוויקלט אַרום די דראָטן אויפן

דאַך. אַרום דעם פּראַנטאָוון גאַניקל זענען פאַרבליבן ביידע שוואַרץ-ווייס-צעפּאַסעוועטע, פאַרלאָזענע וואַרטע-בודקעלעך.

אַרומקריכנדיק איבערן פּלאַנט און אַרום די שטיבער, האָט זיך אַנדריי דערמאָנט אין פּעדיען, אינם לעצטן אינדערפרי, ווען ער איז דאָ אַראָפּגעפאָרן מיט די אַנגעלאַדעוועטע פורן צו דער סטאַנציע. „ווו קען ער זיך אַצינד געפינען?“ — האָט ער געטראַכט.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן אָפּגעפוילטן בענקל, פאַר דער אויפגעריסענער שוועל פון זיין הייזל און האָט באַטראַכט די ביקס. נישקאָשע פון אַ ביקס — די רער אַביסל אַ צונע־זשאַוועטע, דער שלאָס דערפאַר האָט זייער גוט געאַרבעט. ביים שפּיץ איז די לופע געווען אַביסל אָפּגעריבן — וויפל קוילן דידראָזיקע לופע האָט שוין אַרויסגעשאָסן! די אַנטלויפנ־דיקע סאַנים אין קאַרק־אַריין האָט זי געשאָסן. דאָס אָנגע־בונדענע שטריקל האָט אים נעבכט און טעג איינגעשניטן די פּלייצע, קריכנדיק דורך די טונקעלע וועלדער, דורך בלאָטעס און דורך די אויפגעריסענע שאָסייען...

נאָך דעמזעלבן פאַרנאַכט האָט געזאָלט אָנקומען די סאַ־ניטאַרקע און ער האָט זיך אומגעקערט אין שטאָט־אַריין, אַרויף מיטן פּלאַנט.

קליינע שייטערס האָבן געברענט אינם געוועלבטן רינג קראָמען. דער רויטער פלאַם האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף די באַרעווע ווענט. איבער די אויפגעבראָכענע סופיטן האָבן אַריינגעקוקט ליכטיקע שטערן. ווען ער איז שטיל אָנגעקומען, האָט זיך פאַר אים עמיץ פאַרדרעמלט איבערגעוועקט, אַ כאַפּ־געטון זיך צום געווער, אַריינגעקוקט אים אין פּאָנים אַריין און דערקענט — אָן אייגענער. אַ פיגור, אָפּגעגאָסן מיט

רויטקייט פונם שייטער, האָט זיך איינגעקוקט אין אים און אויסגעשטשירעט אַ מויל צײן אין געלעכטער:

— ס'איז דו גאָר, אַנדריי? אַבי איך האָב געמיינט... שווייגט ער, וואָס־זשע שווייגסטו? וואָלסט אומזיסט ארייגעכאַפּט אַ קויל — מען רופט זיך אָפּ!...

באַגינען האָבן אויפסניי אַ רויש־געטון די לאַסט־אויטאָס אויפן שאָסיי. צווישן זיי האָט זיך פּלוצים גרינג געבראַנגט אַנצוטראָגן די סאַניטאַרקע. זי האָט זיך געהאַט פאַרשפּעטיקט אין וועג אויף אַ גאַנצן מעסלעס. זי איז אָפּגעשטיגן אויפן פּלעצל, פאַר דער צערקווע. רויט־אַרמייער מיט אָפּגעדעקטע לייבער האָבן זיך אַ שטופּ־געטון צום אויפגעמאַכטן טירל.

— פאַרבינד, כאַווערטע — האָבן זיי געשטעקט דורכגעשאָסענע פיס און אַרויפגערוקטע עלנבויגנס — פון קאָברין אָן לויף איך אַזוי. די שוועך־פאַרוואונדעטע האָט מען דאָרט איבערגעלאָזן. געמיינט — אָט איז מען שוין אין וואַרשע, ווייזט זיך גאָר אַרויס — ס'איז נאָך היפּש אַ יאָג צו געבן... זע, ווי ס'בלוטיקט, ס'וויל גאָרנישט אויפהערן!...

— עך, דער ווייטיק איז גרויס און דאָס יאַטרעט זיך!...

— זייערע הינטישע קוילן! און מיר האָט עס שיר דעם פוס נישט אַראָפּגענומען!...

אָליע, אַ צעשמייכלטע, האָט געשטעקט אין אַ שינעל, אַ ווייס טיכל איז געווען פאַרבונדן אַרום איר שטערן. זי האָט זיך געפּאָרעט אַרום אַ קליינער, פאַרשלאָסענער פּאָליצקע און האָט אַרויסגעשריען איבערן פאַרפּאַקטן טירל:

— נישט שטופּט זיך, כאַווירים! אָט פאָרן באַלד אָן נאָך צוויי סאַניטאַרקעס. מען וועט נאָך אַלע לייכט־פאַרוואונדעטע באַווייזן צו באַנדאַזשירן!

זי איז געשטאַנען אַנגעבויגן איבער אַן אויפגעדעקטן אָרעם און האָט ארויסגעלאָכט מיט קרענקלעך-צערויטלטע באַקן פונם אויפגעריסענעם טירל:

— דערלאַנג אים, דעם פּאָליאַק, דערלאַנג אים!...

די אָפּגעברענטע פּענימער, פאַרוואַקסענע, אונטער די צע־פּאַטלטע דאַשיקעס, האָבן געלאַכט און נישט אויפגעהערט אָנצוּוואַקסן אַרום טירל.

שפּעטער האָט אַנדריי געפירט ביי אַ הענטל דער קליי־נער אַניוטען. מיטן ביקס אין דער האַנט, איז זיי אַליע נאָכ־געגאַנגען מיט ברייטע, זעלנערישע שפּרייזן.

8.

אין אַזאַ פּאַרנאַכט האָט זיך באַקומען אַ ידיעה פון פראָנט, אַז וואַרשע האַלט ביי גענומען ווערן. און מער האָט מען שוין עפּעס נישט געדערט דערפון...

דערנאָך האָבן שוין אומהיימלעך־רוישנדיקע לאַסט־אויטאָס אומגעבלאָנדזעט אויף אַלע צערעדערטע שאָסייען אַרום דער שטאָט. אויף די גאַסן האָבן שוין מער נישט אומגעבלאָנקעט די צעשאָטענע דעמאָנסטראַציעס, מ׳האָט שוין מער נישט געזונגען „בראַטסקי סאָיוז אי סוואָבאָדאַ“. די רויטע פּענער זענען פלוצים פאַרשוואונדן געוואָרן פון אַלע שטאָטישע גע־ביידעס.

אַרום דער צעוואָרפענער פעסטונג האָבן ווידער אָפּגעהילכט אַרמאַטן־שאָסן. פון דאָרטן טאַקע האָט זיך אַנדריי דעם לעצטן מאָל אומגעקערט מיט דער ביקס אויפן אַקסל, אַן אָפּגע־פליקטער, מיט טיף־פאַרגראָבענע אויגן אינם שאַרבן. ער האָט זיך שווייגנדיק דערשלעפּט צו דער שוועל פון זיין אַמאָ־ליקער הייזקע. לאַנגע, אָפּגעמאַטערטע אָבאַזן האָבן זיך צו־

ריקנעצווינן מיטן קאַבריינער שאָסיי. ער האָט פאַרקלעמט די האַנט אַרום דער זשאַווערדיקער ביקס און האָט זייער אַז־מעטיק געטראַכט:

— אָט, צום טייוול, זיי ציען צוריק! מיט דער הילף פון פראַנצויז יאָגט מען עס אַזוי!

און אויף מאָרגן אינדערפרי האָט מען שוין אויפן מאַרק, פאַר דער צערקווע, געטיילט פוילישע זעלנער דאָס עסן פון די רויכערנדיקע פעלד־קיכן. גיך און צעפּלאָנטערט האָבן זיך דאָרט באַוועגט די גרינע מונדירן. אויף ווייטע גאַסן האָט מוזיק אויפגעשפּילט די „1־טע בריגאַדע"...

אַנדריי האָט זיין ביקס פאַרגראָבן הינטערן הייזל, גוט איינגעטרעטן די ערד און האָט אַ מאַך אַוועק געגעבן מיט דער האַנט:

— אָט, וועט עס נאָך מיסטאָמע אַמאָל צונויץ קומען!...

דעם פאַרבליבענעם טאַרטאַק האָבן דאָ אינגיכן אָפּגעקויפט די ברידער קאַוואַרטאָווסקי. אין איינעם אַ גרויען באַגינען האָבן זיך שוואַרץ־אַרבעטער געקליבן אויפן מיטן פּלאַץ. מ'האָט געברענגט צעפירן געהילץ, מען האָט אויפגעריסן די טירן פון דער שאָפּע און גענומען זיך צו רעמאָנטירן די זשאַווערדיקע מאַשינען.

אין זעלבן אינדערפרי איז אַנדריי אַוועק צו די געוועזענע פּריצישע שטיבער, וווּ ס'האָט זיך איצט געפונען די טאַרטאַק־ביוראָ. אין אַ לאַנגער ריי האָט מען זיך דאָרט פאַרשריבן צו דער אַרבעט. אויף מאָרגן איז ער אַוועק פאַר אַ הייצער אין טאַרטאַק.

אַ פּראָטאָקאָל...

ווען מיכאַל פּראָקאָפּיעוו, דער שטעטלדיקער פּאָליציאַנט, האָט אין שטילן, נעפּלדיקן באַגינען געסקריפּעט מיט די שטיגלעך צום דרויסן-צו, האָט נאָך די עלעקטרי הינטער די פּאַרהאַנגענע טיר־שויבן העל געברענט אין טאָג-אַריין. ער האָט, זעט אויס, אַ צו שטאַרקן קלאַפּ־געגעבן מיט דער טיר, ווייל די געפּלאַצטע שויב האָט זיך אַזש אַ טרייסל־געטון, פּונקט ווי דער ביינאַכטיקער ווינט וואָלט נאָך נישט געהאַט אויפגעהערט. דאָס האָט ער מיסטאָמע געטון פון גרויס צעטומלטקייט, אָדער זייענדיק פאַרשלאָפן, צו גאָר — פונם פּלוצים־באַפּאַלענעם קאַאָס אויף דער גאַנצער וועלט...

ביים אַלטן זענען אַצינד די גרויע וואָנסן געוועזן בייז פאַרשפּיצט. ער האָט זיך באַמיט צו גיין איבער די צוויי הילצערנע ברעטער פון טראָטואַר גלייך, אויסגעצויגן און דאָך איז די גאַנצע פיגור זיינע אַרויסגעקומען צעהויקערט.

אין לייכטן דרעמל, אויף דער האַרטער באַנק אינם וואַרטעצימער, האָט ער די גאַנצע צייט, ווי אין כאָלעם, געהערט אומשפּרייזן פון הינטערן דינעם ווענטל דעם אַספּיראַנט קאָסאַקס אומרויִקע טריט.

ער האָט פּלוצים דערפילט, ווי מען וועקט אים. אינם

וואַרטע-צימערל פון „פּאָסטערונעק“ האָט ער אויף דער האַר־טער נאַרע לעבן זיך שוין מער קיינעם נישט געפונען. די דריי שטעטלדיקע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן דאָ צוגלייך מיט אים געדרעמלט, זענען אַראָפּ אין מאַרק אַריין, צו די יידישע געוועלבלעך — „פּאַרדינען“ אַ פּראָטאָקאָל, פּאַר נישט ריין האַלטן אַרום די טירן...

דער אַלטער האָט זיך דאָ פּלוצים דערזען פּאָנים על פּאָנים מיטן נייעם, שטרענגן אַספּיראַנט קאָסאַק, וועלכן מען האָט דעם לעצטן כוידעש געהאַט צוגעטיילט אַהער פון דער נאָנ־טער, פּאָוויאַטאָווער שטאָט.

— דו פּאַרשלאָפסט דיינע פליכטן, אַלטער! — האָט דער אַספּיראַנט, אַ הויכער, אַ בלאָנדער, אויסגעפּרוווט זיין שטרענגע שטים, ווי אַן אָפּערן־זינגער פּאַרן אויפטריט — וואַך דאַרף מען זיין!... און ביים בריקל שלאָפסטו אויך אַוואַדע, וואָס? כ'האָב דאָ אַלץ געטראָפן אין גרויס אומ־אָרדנונג — מען באַקלעפּט ביינאַכט די ווענט, בלעטלעך, פּאָנען אויף די טעלעגראַפן-סלופּעם און ביכלאַך... געדינט ביים קייסער ניקאָלאַי, זאָגסטו, האַ?... און ביי אונז האָט מען ליב אָרדנונג! צייט דיר צו גיין אין עמעריטור, צייט, אַלטער!...

מיכאַל פּראָקאָפּיעוו איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויס־געצויגן און האָט זיך מיט די קליינע, פּעטע אויגעלעך אומ־באַוועגלעך איינגעגעסן אין די אַראָפּהענגענדיקע וואָנסן פונם איינגערעמטן פּאָרטרעט, וואָס איז געווען באַוואַכט דורך צוויי ווייסע אָדלערס. אַ נעס, וואָס פון הינטערן ווענטל האָט זיך אָפּגערופן דער טעלעפאָן און דער אַספּיראַנט קאָסאַק האָט אים דאָ איבערגעלאָזן אַליין.

ער האָט דעריבער גענומען גיך אַראָפּאיילן צום בריקל,

ביים פלאנט, ווו ער האט געהאט צו טוישן די ווארטע. די צונגן האבן זיך דארט אלע צוויי שא ארויסגעשניטן פון דער ווייטער, בלוילעכער וועלדער־קייט און זענען פארשווינדן איבערן הויכן ערד־וואל, צווישן די נאסע, טארפיקע לאנקעס. דאס שטילע וואסער, וואס לויפט פארביי אונטערן בריקל, שווענקט ארום אין דער נידער די אויבסט-סעדער און די גערטנער, הינטער וועלכע ס'באהאלט זיך אויבן דאס אפגע-לעגענע שטעטל, ווו קיין באן שטעלט זיך אפילע נישט אפ.

— און ווער אלץ? — איז ער געווען אין מאלע רעציכע — אטא די יידישע שניידערוקעס און שוסטערוקעס, די, וואס שפאצירן ארום גאנצענע נעכט מיט די ביכלעך, טומלען און זינגען לידער... דעם אנדערן פוס וואלט ער אים נאך גע-וואלט אונטערהאקן, אטא דעם לאמען בערקען... א שוסטער-רוק, דאכט זיך, פייגערט צען מאל א טאג אויפן פיסק, און הינטן ארום טומלט עס אויכעט... גייט זיך אזוי איבער דער גאס, שלעפט נאך דאס פיסל און — ווי נישט אים מיינט מען... ווי, אז די טארטאק־ארבעטער גייען אים אינגאנצן נישט אן, אז פון קיין „פאליטיקע" וויים עס נישט... און אינדערפרי — אלע ווענט באקלעפט... ער איז דען נישט גע-רעכט, דער אספיראנט קאסאק?... וואס האבן זיי זיך אנגע-לייגט אויף זיינע אלטע יארן, די „זשידקעס"? — כאליערעס אזוינע!...

ער האט א פיר־געטון איבער די אראפגעהאנגענע וואנסן, פארשפיצט זיי אקוראטנע און אראפלאזנדיק די האנט, האט ער באקוקט אויפן מיטלסטן פינגער דאס אפגעריבענע רינגל, וואס ער טראגט שוין זינט יארן. ס'איז אים געקומען אויפן זי-נען דאס ווייבל זיינס, אניוטע, און דער קאאס איז זיך אין אים אויפסניי צעוואקסן.

— אָט דאָס איז דיר אויך נישקאָשע פון א מאַכשייפע! האָסט דיר דיינע גענדז און הינער אַרום הייזל — היט זיי! ניין, מאַכט זי אָבער דעם טויט! וואָסי, אַז ס'גלוסט זיך דיר אַמאָל אויסטרינקען?... ווען נישט דאָס, וואָלט מען דאָך שוין פון אומעט גאָר אַראָפּ פון זינען...

נאָר אָט באַווייזט זיך פון הינטער דער בלוילעכער וועלדער־קייט א רויכל. דאָס שטיקל פּלאַנט שווינדלט אים שוין פאַר די אויגן.

די פורלעך, וואָס שיטן זיך אַראָפּ מיטן שליאַך, פאַרהאַלט ער פונוויטן מיט א האַנט־פּאָך. זיי שטעלן זיך אָפּ הארט הינטער אים און די געקניפּטע שטריקלעך פּענטן די צעשוימטע מיילער פון די שקאַפּעס. דער שלאָגבוים איז שוין אַראָפּגעלאָזן, כאָטש דער צוג שניידט זיך איצט קוים אַרויס פון דער נעפּלדיקער וועלדער־קייט.

צוויי אויסגעטראָטענע וועגן ציען זיך אוועק פון יענער זייט בריקל — צו צוויי פאַרשלאָפענע דערפלעך. באַלד אינדערפרי לאָזן זיך די שטעלטדיקע, פאַרמעליקטע יידן, די טווע־הענדלער, צופּנדיק שטרויעלעך אין די מיילער, מיט אָט די וועגן, אָנצובאַגעגענען א פּויעריש פורל. א קערצל טווע ברענגט מען, א זאַק קאַרטאָפל, א מאָגער הענדל און א שאָק אייער. מען וויל מיט זיי אָפּהאַנדלען אויפן מיטן וועג, אָפּדערגייך, מען זאָל עס נאָכדעם ביי זיי נישט אויסדינגען אויפן מאַרק, אין שטעטל. שטופּן זיי זיך אַלע דורכן בריקל, אַפילע ווען דער שלאָגבוים איז אַראָפּגעלאָזן. דער אַלטער פּראָקאָפּיעוו מאַכט זיך, געוויינלעך, נישט זעען, אָבער וואָרענען וואָרנט ער:

— היט אייך פאַר אָט דער כאַיע!

— אוי, קען זי א פאַרשלינג־טון!...

אצינד אָבער זענען ביים אַלטן געוועזן פּאַרשפּיצט די וואָנסן — נישט אויסגעשלאָפן און אין קאַאַס אויף דער גאַנ־צער וועלט.

— און זאָל ער נישט מיינען, דער נייער אַספּיראַנט, אַז ער, מיכאַל פּראָקאָפּיעוו, דער געוועזענער רוסישער סטראַזשניק, ווייסט שוין גאָרנישט וואָס אויפצוטון... אָט וועט ער זיי נאָך איינציקווייז אַ כאַפּ־טון, די שטעטלדיקע ייִנגעלייטלעך, די זשידקעס, אין דער פּולאַפּקע... און וואָס איז געווען פאַראַיאָרן אין דער צייט? העע... מיט קייטעלעך אויף די הענט זענען זיי ביי מיר אוועק — זייער געביין פוילט שוין לאַנד אינם ווייסן מייערל, אין דער פּאָוויאַטאָווער שטאָט... אָבער דעריקער — אָט דעם קוליאַוון בערקען, דעם שוס־טערוק, דער, וואָס גייט זיך אַזוי איבער דער גאַס, ווי נישט אים מיינט מען...

— דערווייל אָבער — האָט ער אָפּגעאָטעמט — וואָלט גאָרנישט אויסגעמאַכט צו ברענגען אים כאָטש איין פּראָטאָקאָל אויף 5 גילדן און זאָל ער זען, דער נייער אַספּיראַנט, אַז ביים בריקל שלאָפט ער אויך נישט!...

זיינע טריט אינם שטויב ווערן האַסטיקער, געשפּאַנטער. דאָס ווייטע רויכל זעט ער נאָכנישט, אָבער ער פילט שוין אינם רויש פון די שינעס, אַז דער צוג וועט דאָ באַלד אָנפליען.

באַלד וועלן זיך אוועקשטעלן די קינדער פאַר דער שטראָז שפּאַר-טון אהער די ייִדישע סאָכרימלעך, די טוווע־הענדלער. ער וועט זיך, ווי אַלעמאָל, נישט מאַכן וויסנדיק אפילו. זאָלן זיי נאָר אריבערטרעטן דאָס בריקל, ווען דער שלאָגבוים איז אראָפּגעלאָזן, וועט ער זיך פּלוצים האַסטיק טון אַ דריי־אויס צו זיי, אָנשפּיצן די

וואָנסן, נישט קוקנדיק אויף זיי, אָנגרייטן דאָס פּראָטאָקאָל־ביכל, דעם בליישטיפט און שטרענג אַרויסשיפּען:

— ס׳איז, דוכט זיך, באַקאַנט, אַז מען טאָר נישט אַריבער־טרעטן דאָס בריקל, ווען דער שלאַגבוים איז אַראָפּגעלאָזן?

— נאָמען! — וועט ער שטרענג איבערפרעגן און נישט וועלן הערן, וואָס זיי רעדן דאָרט צו אים.

— פון דער היים?

— טאַטע?

— מאַמע?

— אַדרעס?

— צו גייט טאַקע נישט אַמאָל עמיץ? — טוט ער זיך אַ כאַפּ און עסט זיך איין מיט די קליינע אויגעלעך אינם טראַקט. אָבער אָפּצעלאָכעס ווייזט זיך דאָרט קיינער נישט. עפּעס זעט זיך דאָרט יאָ אַ פּינטעלע, נאָר ס׳ווערט באַלד פאַרלוירן אין דער קאַשטאַן־אַליי.

פאַרקוקט זיך אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט גאָרנישט באַ־מערקט, ווי הינטער אים צעפּאָכען זיך ווייסע פליגל פון גענדז. אין אַ לאַנגער שורע פליען זיי אָן. דריי גאָנערס זענען שוין אַריבער דאָס בריקל און פּליעסקענען זיך אינם שטייענ־דיקן וואַסער אויף דער לאָנקע. צווישן די קוסטן און ווערבע־בוימער, הערט ער, ברעכן זיך צווייגן... ס׳האַרץ קלאַפּט אים שטאַרקער, נאָר ער מאַכט זיך דערווייל נישט וויסנדיק. ער אַליין פאַרקוקט זיך צום שליאַך — זאָל מען אַריבערטרעטן דאָס בריקל, אַנו...

ער הערט טריט און דעם לעצטן פליגל־געפּאָך פון די גענדז; מאָדנע, קענטלעכע גענדז אַפילע — ער וואָלט גע־שווירן, אַז אָט דער גאָנער מיטן רויטן דזיוב, פונקט אַזאַ, איז ביי זיין באָבע אַניוטע.

אָבער אינגאַנצן פאַרשיקערט פונם אונטערגעקומענעם פּראָ־
טאָקאָל, טוט ער זיך האַסטיק אַ דריי אוים צום בריקל:

— שטיינבלייבן! — שיפּעט ער אַרוים.

און אָט שטעלט זיך אָפּ נישט קיין אַנדערע, ווי זיין באָבע
אַניוטע — זי פאַרבינדט זיך בעסער דאָס קאָפּטיכל אונטערן
האַלדז, קוקט אים אָן מיט אַ צעמישטן בליק:

— וואָס איז מיט דיר, מיכאַליע — ביסט פון זינען
אַראָפּ?...

ער קוקט אַפילע נישט אויף איר, בלעטערט שוין דאָס פּראָ־
טאָקאָל־ביכל און נעצט דעם לאַנגן, כעמישן בליישטיפט אין
מויל:

— לויטן נאָמען?

— צו דיין קאָפּ, צו דיינע הענט און פים... — קוקט זי
אים אָן, ווי ער וואָלט טאַקע נאַר־וואָס אַראָפּ פון זינען —
דו ווייסט שוין נישט? — קרעכצט זי — אַ־נ־י־ו־ט־ע פּ־ר־אָ־
ק־אָ־פּ־י־אָ־וו־אַ!...

— פון דער היים? — פרעגט ער נאָך שטרענגער.

— טאַטע?

— מאַמע?

— אַדרעס?

***

אויף מאָרגן איז אויסגעפאַלן דער ערשטער. מיט ציטערנ־
דיקע פינגער האָט ער אויסגעציילט די פענסיע ביים קליינעם
פענסטערל פון קאַסיר. ער האָט אים צוריקגעוואָרפן 5 זלאָ־
טעס, ביינעליינט דאָס אויסגעפּליקטע פּאַפּירל פון זיין פּראָ־
טאָקאָל־ביכל:

— פינף זלאָטעס שטראָף פון דער בירגערין אַניוטע פּראָקאָפּיאָווא, פאַר טרייבן גענדז איבערן בריקל, ווען דער שלאַגבוים איז געווען אַראָפּגעלאָזן.

— ס'איז, דוכט זיך, אייער ווייב, נישט עמעס? — האָט אים דער קאַסיר איבערגעפרעגט אין שמייכל.

— מיינס! — האָט זיך מיכאַל פּראָקאָפּיעוו געשפּיצט די וואָנסן...

קריינדל

די איבערגעוואַקסענע קריינדל — אַ ספּריטנע וועש־ניי־טאָרין פון קליין־ווישקאָווע — האָט אַרײַנפאַלנדיק מיט אַ יאָר זיבן צוריק קיין פּאַריז, גיך אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דער איבערגעטריבענער און זיסלעכער פריינטלעכקייט פון די ווילע פעטערס, גוטע מומעס און העפלעכע קוזינען. שוין ביים צווייטן אָוונט־ברויט האָט זי אויפגעכאַפּט די זייער באַלערנדיקע אייצעס פון דער קלוגער מומע לואיז — אַ פּאַרנעמע פרוי מיט גוידערס, רינגלעך און כוואַליענהאַפּט־אָנדולירטע האָר:

— הער מיך אויס מיט קאָפּ, קריינדל! אין פּאַריז דאַרף מען זיך נאָר אויסטויגן: מען עסט אָפּ דעם ערשטן מיטאָג ביי קרויווים, מען פרעגט זיך נאָך, ווו ס'איז דאָ פאַראַן אַ רעסטאָראַן, אַ האָטעל און מען גייט זיך גלייך זוכן אַ סי־טואַציע!...

מיטן אויסזוכן זיך אַן אָרט, ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, האָט זי אָבער באַלד נישט געוואַרט אויף די באַלערנדיקע איי־צעס פון דער קלוגער מומע לואיז — די „אינטעליגענטישע",

די מאַדאַם, די שטרענגע מאַמע פון דריי פראַנצויזיש־רעדנדיקע טעכטערלעך, וואָס זענען דאָ באַשעפטיקט אין ביוראָען, אין מאָדע־מאַגאַזינען און אין פילם־געזעלשאַפטן. גלייך אויפן אַנדערן טאָג, האָט זי מיט דער הילף פון אַ באַקאַנט באָכערל, וואָס זי האָט געקענט נאָך פון דער היים און וועלכן זי האָט דאָ אויפגעזוכט אין איינעם פון די יידישע אַרבעטער־קלובן, אָפּגעפונען אַ פאַרלאָזן צימערל ערגעץ אויפן „פּלעצל", אויף אַ לעצטן שטאָק, אין אַ קאָרידאָר מיט אַ סאַך טירן; און הינטער איינס פון אָט־די נידעריקע טירלעך, אין אַ מאַנסאַרדע מיט פאַרקאָפּטשעטע ווענט, האָט דאָס מיידל מיט די שפּיציקע אַקסלען, אַ געעלטערטע, מיט אַ מאָגער, צוגעפּודערט פּענעמל, מיט אַ גאָלדענער „קאָראָנע" אין סאַמע פראָנט פון איר ברייט מויל, צום לעצטן מאָל זיך פאַרגאַנקערט צוזאַמען מיט איר קליינער, צעשטויסענער וואַליזע...

זי איז געווען אַ ספּריטנע, דאָס מיידל, האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר „גילדערנע" הענט און איז פאַרבליבן דער ווילדער אַקשן פון אַמאָל. מיט יאָרן צוריק, באַלד נאָך די מעהומעס אין 5־טן יאָר, איז זי איינמאָל געהאַט אַנטלאָפן פון דער היים, האָט זיך אַ לאַנגע צייט אויסבאַהאַלטן אין וואַרשע פונם טאַטן, דעם ווילדן קאָצקער כאָסיד, וואָס האָט זי, קוים אַ פערצניעריקע, געוואָלט פאַרקנאַסן מיט עפּעס אַן אויסגעווייקט יעשיווע־באָכערל. אירס אָבער האָט זי אויסגעפירט — האָט זיך נישט געלאָזן בלינד צודעקן דעם קאָפּ און האָט, אַלעמען אויף צעלאָכעס, אָנגעדונגען זיך אויף דער לער צו צוויי עלטערע פריילנס, נייטאָרינס, אויף דער ניזקע גאַס.

אינאָוונט איז זי אומגעשוועמען איבער די טומלדיקע אַרבעטער־בערזעס, אויף דער דזיקע און אויפן מוראַנאָוו, איז ביינעווען אויף אַלע קאָנספּיראַטיווע „סכאָדקעס", האָט אָנ־

געהערט צו אַ זעלבסטבילדונג־קרייז און איז געווען פאַרליבט אינם באַכער מיטן סאַטינענעם העמדל — דעם אָנפירער פונם קרייז. אַנטפלעקן פאַר אים איר האַרץ האָט זי, אָבער נישט באַוויזן, ווייל מ׳האָט אים איינמאָל, אינמיטן אַ ביי־נאַכט, אַראָפּגענומען, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע, פון עפּעס אַ קאָנספּיראַטיווער דירע און איינגעזעצט אים אין ציטאַ־דעל. אָנשטאָט הענגען, האָט מען אים שפּעטער פאַרביטן אויף פאַרשיקונג אין סיביר...

פון דעמאָלט אָן האָט זי לאַנגע יאָרן אויסגעמיטן יעדע נענטערע באַקאַנטשאַפט מיט אַ באַכער, האָט געשריבן עלע־גישע לידער און האָט געפירט אינדערשטיל אַ טאָג־בוך. זי האָט אַפילע צוזאַמענגענומען אַ גרופּע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך אויך צעבונטעוועט קעגן זייערע פאַנאַטישע על־טערן, ווייל מ׳האָט זיי יינג געוואָלט „צודעקן די קעפּ“, און אַלע האָבן זיי ביי זיך פעסט אָפּגעמאַכט קיינמאָל נישט באַסענע צו האָבן. אָבער ביסלעכוויז האָבן די מיידלעך אויפגעהערט צו קומען אויף די שטרענג־געהיימע טרעפונגען און אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט מען איינע פון זיי באַ־געגנט פירן זיך מיט אַ קינדער־וועגעלע אין גאָרטן, אַן אַנ־דערע האָט מען געזען אַרומשפּאַצירן מיט אַן אויסגעפּוצטן יונגערמאַן אויף די פּרינציפּאַלנע גאַסן; אַ דריטע, האָט מען דערציילט, האָט גאָר כאַסענע געהאַט אין אַ שטעטל־אַריין פאַר אַ „טאַטנס אַ קינד“, אַ פיינער יונגערמאַן, מיט סמי־כעס אויף ראַבאָנעס...

געבליבן איז זי איינע אַליין, אָבער פון איר פּרינציפּ איז זי בעשום־אויפן נישט אַוועק. ס׳האָט זיך אַפילע איינמאָל געמאַכט, אַז צו איר אינם האַך־שטיבל, אויף דער גענשע, ווו זי האָט שוין געהאַט שטוין אירם אַן אייגענע מאַשין, האָט

אָנגעהויבן עפּטערס אַריינצוקומען אַ גאַנץ לייטיש באַכערל, אַ שוסטער פון פאַך; ער איז אומשולדיק זיצן־געבליבן אויף אַ שפּיץ שטול ביז שפּעטלעך אין אָוונט־אַריין, האָט איר דאָרט אָנגעקרעכצט וועגן דער איינזאַמקייט אין לעבן, וועגן אַ טאַטע'ס און ביכלאַל — וועגן דער ביטערער אויסקומעניש פון אַ מענטשן, מ'שטייענסגעזאָגט...

אויסגעהערט האָט זי אים נישט גערן, נישט געבעטן אים זיצן און האָט אים אַפילו נישט מעכאַבעד געווען מיט קיין גלאָז טיי. די שכיינעס, יידענעס מיט צונויפגעצויגענע, בלויע ליפּעלעך, האָבן שוין אומשולדיק גענומען פאַרבלאָנדזשען צו איר, אויסצובאָרגן קלוימערשט אַ גלעזל זאַלץ, אַ פאַרסאַד־זעטן ראָנדעל.

— וואָס טרייבן זי דעם יונגערמאַן פון דער שוועל־אַראָפּ?

— האָבן זיי זיך מוטערלעך אונטערגעבייזערט — צ'זענט דאָך אַ גאַזלען אויף זיך אַליין... אייביק, מיינען זי, שטייט די פאַרב אין די באַקן?... דער יינג איז אַ נאָלדענער פאַרדי־נער... ער האָט דען אַ גאַל, דער יינג? — אַ באַרליאַנט איז ער...

זי האָט זיי געטריבן פון דער שוועל־אַראָפּ, די ווייבער, און אָפּקריגנדיק זיך — פאַרקלאַפּט נאָך זיי די טיר מיט אַ טראַסק.

די יידענעס זענען דאָרט שטיינגעבליבן און האָבן פאַר־צויגן מיט די שנעבעלעך:

— אַ מעשוגענע פּריצעטע... נישט אַנדערש — אַ דיבוק זיצט אין דער מויד!...

פונדעסטוועגן, האָט זי נאָכן אָפּקריגן זיך, נערוועז פאַר־דרייט אַ לעקעלע פאַרן שפּיגל און איז שטאַרק צופרידן געווען פונם בייזן צעלאָכעס. צווישן די פלאַצן פונם אַלטן שפּיגל

האָט געציטערט דאָס בלייכע, מאָגערע פּאָנים, אירע שפּיציקע אַקסלען און ווי אין אַ כמאַרע רויך זענען אומגעשוואומען אירע פאַרלאָשענע אויגן. איר איבערגעוואַקסענע פיגור האָט גע־קרעכצט איבער די פּאָדלאָגע־ברעטער.

פון דעמאָלט־אָן זענען שוין אַריבער אַ סאַך יאָרן. זי האָט געשפּאָרט אַ גראָשן צו אַ גראָשן, אַלצדינג אָראָפּפּאַרקויפט פון זיך, האָט אַפילו פאַרהאַנדלט די ניי־מאַשין און מיט קאַרגע זיבן יאָר צוריק האָט זי, מיט דער הילף פון מאַכערס, וויזעס און פאַלשע פּעסער אַריבערגעפּעקלט זיך קיין פּאַריז.

אין אירע וואַסערדיק־פאַרבלויטע אויגן איז נאָך געזעסן די ווייטע צערודערטקייט פון די אַלע פריש־אָנגעפּאָרענע פּוילישע באַכערים און מיידלעך, וואָס פאַלן אַזוי ווי אומ־געריכט אַראָפּ אינדערמיט פונם אינטערנאַציאָנאַלן געליאַרעם אויפן „נאָרד"־וואָקזאַל, אין פּאַריז.

אין אַ נעפּלדיקן פאַרנאַכט פון שפּעטן האַרבסט, אויפן פערטן מעסלעס נאָך איר פלוצימדיקן אָנפאָרן, האָט זי צום דריטן מאָל געשלעפּט איר צעשטויסענעם באַגאַזש איבער איינער פון די בויגנדיקע בריקן, וואָס זענען פאַרוואָרפן איבער דער סען. זי האָט זיך איינגעשפּאַרט צו פאָרן מיט דער מעטראָ, האָט נאָכגעקלונגען אין די קעשענעס מיטן ביסל פאַרבליבענעם קליינגעלט און האָט גלייך פון אָנהויב אָן באַ־שלאָסן, אַז צו די קרוווים מיט זייערע זיסע ריידעלעך וועט זי מער קיין פוס נישט אַריינשטעלן.

דער קילער ווינט פון טייך האָט לייכט צעבלאָזן די ברייטע ראַנדן פון איר זומערדיק־אָפּגעטראָגענעם, פרעמדן, פּוילישן הוט און שווימענדיק אין ווייכן נעפּל־אַריין, האָט זיך דער־שפּיציקער פלעק פונם איבערגעוואַקסענעם מיידל פאַרלוירן

צווישן אַ שורע אויסגעלאָשענע טאַקסים מיט אַרונטערגע־לאָזענע בוידן.

די ערשטע עטלעכע נעכט איז זי געשלאָפן אויף דער קאַל־טער פּאָדלאָגע, אונטערגעבעט מיט איר שווערן, ווינטערדיקן פּאַלטן. צום רינג פינצטערע שטאָקן און דעכער, איבערן אויפגעשפּאַרטן דאַך־פליגל, האָבן פון די טומלדיקע קאַפּעס אינם געסל, וואָס איז געווען פאַרפּרעסט צווישן מויערן, אַרויפגעשאַלט צו איר אָפּגעריסענע ראַדיאָ־גרילצן, געדעדע־רייען און האָבן זי אַ שטיק נאַכט נישט געלאָזן צו־טון מיט קיין אויג. איבערן סופיט זענען אומגעלאָפן, פאַרבלאָנדזשע־טע פון ערגעץ, ראָזע און גרינלעכע ליכט־העזעלעך און פון דינעם, מידן דרעמל האָט זי אַלעמאָל איבערגעוועקט דער טויבער ריטש, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט צווישן די דיקע, אַלטע מויערן. דערצו נאָך האָט איר געשראָקן די איימעדיקע קאַצן־יאָמעריי פון די פינצטערע בוידעם־לעכער אינם קאָ־רידאָרל...

די איינציקע איינוווינער דאָ זענען געווען אַן אַלט, פראַנ־צויזיש פּאָר־פאָלק, וואָס האָט פאַרנומען פונקט אַזאַ צימערל אין אַן עקסטן, פינצטער ווינקל. ס׳איז זיי באַשערט געווען צוצובאַקומען אַ נייע, ענערגישע שאָכנטע. דורכגייענדיק אינ־דערפרי צוריק פונם אָפּגוס מיט אַ קריג וואַסער, האָט זי דאָ ערגעץ צווישן אָנגעוואָרפענעם מיסט אויפגעהויבן אַ צעשאָ־טענעם בעזים, האָט אים צונויפגעבונדן מיט אַ שטריקל און האָט זיך גענומען צוקערן דאָס שטיקל קאָרידאָר ביז צו די שטיגן.

דערנאָך איז זי איינמאָל געקומען אָנצושפּאַנען פון גאַס מיט צוויי טאַבורעטקעס אין דער האַנט און דאָס צעשאָקלטע טישל האָט איר, פאַרשוויצטערהייט, נאָכגעטראָגן דאָסזעלבע

באַכערל, וועלכן זי האָט דאָ אַנומלטן אויפגעזוכט אין איינעם פון די יידישע אַרבעטער-קלובן.

דאָס שטילע באַכערל מיט די אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס — גערופן האָט ער זיך זשאַקל פּרעסער — האָט זיך דאָ אַזוי אומשולדיק אַ זעץ-געטון אויף איינער פון די געברענג־טע טאַבורעטקעס; אין בלאַסן שמייכל, האָט ער אויפגעמאַכט אַ לײדיק מויל מיט דריי אָפּגעגריזשעטע ציינער און לאַכנדיק מיט אַ ווייך, פּישטשענדיק קעלעכל, ווי אַן אַלטיטשקער, האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבער די נאַקעטע ווענט און האָט שוין דערנאָך גערעדט סטאַם אַזוי און גענוג אומעטיקלעך:

— פּרעמדע, היימלאָזע ווענט, דאַכט זיך, און מען פילט זיך דאָ שוין היימיש! דאָס האָסטו עס אַזוי פיין דורכ־געשווענקט די פּאַדלאָגע? אַ דיוואַניק פעלט נאָך דאָ, בילד־לעך, אַ שפּיגעלע...

— ס'וועט זיין... ס'וועט נאָך אַלץ זיין! — האָט זי אומ־געדולדיק אָפּגעהאַקט.

דאָס האָט ער זי די ערשטע עטלעכע אָוונטן אַרויפגעפירט אין סינדיקאַט, אויף די שאַטאָ ד'אָ, ווו מען שטופּט זיך אויף די טרעפּ, אַרום די טירן און אין די פאַררויכערטע צימערלעך פון די באַזונדערע פאַך-גרופּן. אינם העלן מאַנטל, וואָס האָט אַרומגענומען אירע שמאָלע לענדן, מיט איר איבערגעוואַקסנ־קייט, מיטן בערעטל אינאַזייט און מיט דער גאָלדענער „קאָ־ראָנע" אין סאַמע פראָנט פון איר ברייט מויל, האָט זי דאָרט לאַכלוטן נישט אויסגעזען ווי קיין פרעמדע, קיין נאַר־וואָס געקומענע.

און אַלעמאָל, אָוונט-צייט, איז שוין אויסגעקומען, אַז אָט דער זשאַקל פּרעסער האָט אומגערן פאַרבלאָנדזשעט צו איר אויף דער מאַנסאַרדע. זי האָט געפונען אַלעראַליי איידעלע

טירוצים אָפּצורוקן זיך פון אים, ווען ער האָט זיך אַזוי אומ־
שולדיק אראָפּגעלאָזן דערלעבן איר אויפן בעטל. נאָך זיין
אוועקגיין האָט זי לאנג געוואשן דאָס גלאָז, אין וועלכן ער
האָט אויסגעטרונקען אַביסל וואסער, און לאָזנדיק אים טייל־
מאָל שטיינבלייבן אינמיטן דער גאַס, איז זי אַנטלאָפן, אָן
אַ „גוטע נאַכט" אַפילע...

זי איז טאַקע געווען שטארק פארנומען אויך, דאָס מיידל.
נאָך אַ טאָג אָנגעשטרענגטע ארבעט אין איינע פון די ווינקל־
אַטעליעס אויפן בעלוויל, וווּ מען האַלט אין איין ציטערן
ס'זאָל נישט אריינפאַלן קיין אַגענט, האָט זי געהאַט פאַר־
שיידענע זאַכן צו דערליידיקן. יעדן אָוונט קימאַט איז זי
געלאָפן אין סינדיקאַט, איז אָפּגעזעסן אין די פארשפּארטע
צימערלעך אין די יידישע ארבעטער־קלובן אויף זיצונגען פון
פּאַטראָנאַט, פון דער רויטער הילף, פון די פרעסע־פריינט -
אָרגאַניזאַציעס, ווו זי האָט אַלץ געאַרבעט. די יידישע ציי־
טונג האָט זי קוים באַוויזן אַדורכצובליקן שפּעט אינאָוונט,
ליגנדיק שוין אין בעט, און האָט זי באַלד דערנאָך אַוועקגע־
וואָרפן, ווייל די אויגן האָבן זיך ביי איר געקלעפּט.

און טיילמאָל, ווען זי האָט געהאַט אַ פרייען אָוונט, איז
דעם שטילן באָכער מיט די אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס, אָט
דעם זשאַקל פרעסער, אויסגעקומען אַנדרעמלט צו ווערן,
זיצנדיק אַזוי אין אומעטיקער אומבאַוועגלעכקייט אויפן בעטל
ביי איר. זי האָט אים געוועקט קאַלטלעך, מיט פאַריבל:

— ס'איז שוין שפּעט, כאַווער, — האָט זי אים געריסן
ביי אַן ארבל — זיבן אַזייגער שטיי איך שוין אויף די פיס...
איך האָב נאָך היינט אַ וועלט מיט ארבעט אָפּצוטון!...

ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט אָן אַן איבעריקן ביי־

שעק געלאָזן זיך גיין פון די פינצטערע שטינן-אראָפּ. א שטילע פארטייעטקייט איז געווען אין זיין פאָרזיכטיקן באַוועגן זיך, אין זיין פארטרוילעכן רעדן, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט פאַר זיין אייגענעם, נאָכקריכנדיקן שאָטן.

שוין א יאָר צען נאָכאַנאַנד, ווי דער מענטש איז געשוווּמען איבער די פאררויכערטע שטעט פון אייראָפּע, אָן פּעסער, אָן וויזעס און מיט אויסווייזן פון אומעטום. געווען אַן אויסלאַדער אין דאַנציקער פּאָרט, האָט געאַרבעט אין אַ מעטאַל-פאַבריק אין בערלין, איז געווען א קעלנער אין אַזאַ-מין קאַבאַרעט-רעסטאָראַן אין דער שטאָט פון די בריליאַנטן-הענדלער, אין אַנטווערפּן און דאָ, אין פּאַריז, האָט ער אַוועקגעוואָרפן דאָס פרעסן, ווייל ס'איז צו שווער געווען פאַר אים, און ער האָט זיך גענומען צו שטריקעריי. אומעטום האָט ער גענעסן דעם פּאָסנעם, שיטערן זופּ אין די יידישע אַרבעטער-קלובן; אין שטענדיקן טומל, אין ווינט פון אויפגעמאַכטע טירן, האָט ער זיך אומעטום אָפּגעפונען א פאַררוקט ווינקל, איז געזעסן מיט צוגעזשמורעטע אויגן, ווי אַן אַלטער קאָטער, וואָס וואַרעמט זיך אויף דער זון. אָבער אַלצדינג האָט ער דערזען, אַלצדינג האָט ער געוווּסט, אַלצדינג האָט ער אויפגעכאַפּט מיטן ווונק. ער האָט געוווּסט ווער מיט וועמען עס גייט אַרום, ווער מיט וועמען עס שלאָפט און ווער צו וועמען אַפילע עס וואַרפט זייטיק אַן אויגל...

פאַר האַלבע נאַכט האָט ער אַלעמאָל אויסגעקוקט א כאַווער, וואָס זאָל אים אַהיימנעמען שלאָפן. זיין גרויער, גלייכגילטיקער בליק איז געשווומען איבער די עלנטע, אָפּגעפליקטע ווענט פון די אָפּגעלעגענע ווינקל-האָטעלעכלעך אין פּאַריז. ס'האָט געפּאָכעט איבער אים דער שאָטן פון די צעפלויגענע פעלערינעס ביי דער ראָווערריסטן-פּאָליציי, וואָס

פּאָרט אומגעריכט אָן איבער דער גאַנצער ברייט פון אַן אָוונטיק־אָפּגעליידיקטער גאַס...

און דאָ האָט עס אים אַ צי־געטון צו דער שטילער וואַרעמער היים, צו דער אָפּגעלעגענער מאַנסאַרדע־נעסט פונם פּלייסיקן מיידל. די ראָזלעכע טאַפּעטן האָבן די פרעמדע, פינצטערע ווענט געמאַכט היימישער, מיידלש־אינטימער; דאָס ציכטיק־פאַרגלעטע בעטל, די מושלינענע פאָרהענגלעך, די פאָליצקעס מיט די צעשטעלטע, פינקלענדיקע גלעזער און די שטילע, אָוונטיקע שיין פונם אַבאַזשורל איבערן טיש מיטן אויסגעשפּרייטן סערוועטל...

אין אַזאַ וואַרימער נעסט, האָט זיך געטראַכט, איז ליב אַז מען קאָכט דיר אָפּ אַביסל היימיש עסן, אַז מען שפּיליעט דיר צו אַ ספּינקע, אַז מען פאַרלאַטעט דיר אַ העמד. וואָרים די אַלע עסנס אין די רעסטאָראַנען פאַרדאַרבן סאָפּקאָלסאָף דעם מאָגן און די עטלעכע העמדער, וואָס אַ מאַמע האָט נאָך מיטגעגעבן פון דער היים, אין וועג אַריין, זענען שוין פון לאַנג צעשאָטן געוואָרן פּעדימוווייז אין די כעמישע וועשערייען פון די אַלע דורכגעוואַנדערטע לענדער און שטעט...

דאָס מיידל אָבער איז געבליבן צו אים שטרענג, קאַלט און העפלעך. זי האָט קלוימערשט נישט באַמערקט דאָס אומעטיקע גלענצל אין זיינע פייכטע אויגן און האָט זעלטן ווען געפונען אַ מינוט צו זיצן און צו שמועסן מיט אים. פון אונטערן צוגעקלעפּן פּודער האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן ביי איר די דאַרע, פאַרוויכערטע באַקן, די וועלקנדיקע הויט אַרום מויל און אונטער די אויגן־קישעלעך. אַן איבערגעוואַקסענע, מיט שפּיציקע אַקסלען, אָנגעבויגענע פון זיצן שטענדיק איבער דער מאַשין, האָבן אירע ברעמענלאָזע אויגן, מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, געזוכט און גענישטערט אַרום זיך.

אַ בלענדעניש האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר איר, ווי אַ וואַנט, און אינגיכן האָט זי זיך געמוזט צופּאַסן אַ פּאָר גרויסע האָרן־ברילן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגערוקט איבער איר קליין, רונדיק נעזל.

זי איז, איבעריקנס, געווען געגוג פאַרפּאַרעט מיט זיך אַליין אויך. נאָך איידער זי האָט באַוויזן אָנצוזאַמלען די ערשטע עטלעכע הונדערט פראַנק אויף פּאַפּירן, האָט מען זי איינמאָל סאָפּקאָלסאָף געבאַפּט אַרבעטן אין דער ווינקל־אַטעליע אויפן בעלוויל און זי האָט געמוזט דערמיט אונטערקויפן דעם אַגענט.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ טועניש מיט די מאַכערס. אין יענע יאָרן איז שוין דאָס אַרויסבאַקומען אַ „קאַרט ד'אידאַנטיטע" אָנגעקומען געגוג שווערלעך. האַלבע יאָרן האָבן זיך געצויגן די אַנקעטעס, מען האָט נאָכגעפאָרשט פון וואָס מען לעבט, צו אַרבעט מען נישט, כאַליִלע, פון וועמען מען באַקומט געלט און וויפל.

דאָס איבערגעוואַקסענע מיידל, קריינדל, האָט מוירע געקריגן שפּעט אַהיימצוקומען, איז געלעגן אין בעט, אָן איבערגעשראָקענע, טאָמער האָט זי אָוונט-צייט פאַרנומען עמיצנס טריט אויף די שטיגן; ווייל געהערט האָט זי, אַז מען באַפאַלט אָפּט האָטעלן און פּריוואַטע שטובן, מען אַרעסטירט, מען גיט אויסווייזן און מען שיקט אָפּ צו דער גרענעץ. זי האָט דעריבער געשפּאָרט אַ פראַנק צו אַ פראַנק און האָט אָנגעהויבן אַרומצולויפן צו די מאַכערס...

אַריינגעפאַלן איז זי צו דער בעסאַראַבערן, פון די פּאַווע. דאָסדראָזיקע אויסגעקינדלטע ווייבעלע אינם שטענדיק-צעשפּיליעטן שינעלעכל, האָט זיך שוין אַביסל צופיל אויסגעזאָרגט איבער די פאַרפאָלגטע, פאַרוואָגלטע און פּאַפּירן-לאָזע

יידישע באָבערים און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך אומגע־וואַלגערט אין די אַלע זייטיקע האָטעלעכלעך און אויף די פאַרשטעקטע פליגל־מאַנסאַרדעס. איר איבערגעטרוקנט, מאַנסביִלש קאָל, איר בעסאַראַבער, קאַנטיקער יידיש, האָט טויב פאַרזשומעט די אויערן, ווי אַן איינגעשפּאַרטע בין. און זינט ווען זי האָט אָנגעהויבן צו פירן די געשעפטן מיט איר, איז זי, קריינדל, אַלע עטלעכע טאָג געקומען צולויפן מיט רויטע פלעקן אונטער די אויגן און מיט די קאָלירטע קוויטלעך, צוגעשיקט פון דער פּרעפעקטור. דאָס פאַרשליאָ־בעטע ווייבעלע האָט זי צוגעשטופּט אין אַ ווינקל־אַריין, האָט זיך געהאַלטן אין איין אומקוקן און האָט זי פאַרשפּריצט מיט אירע ריידעלעך, וואָס האָבן זיך יעדן איינעם געמוזט לייגן אויפן סייכל.

— מאַדמואַזעל! — האָט זי אין איר אַריינגערעדט, שפּיר־ליענדיק זיך נערוועז דאָס גרויע שינעלעכל, אין וועלכן זי האָט געשטעקט — דער קאָפּ זאָל נאָך אַזוי לעבן, ווי איר וועט מיט גאָטס הילף זיין ביי מיר אַ „פאָלנע“ פראַנצויסקע און מיטן גאַנצן קניאַק...

— אָבער די קוויטלעך! — האָט קריינדל אָנגעהויבן אירס... זי האָט איר אָבער נישט געלאָזן פאַרענדיקן:

— וואָס קוקט איר מיר אָן, וואָס? — אָט מיט דעם פאַר־זשאַווערטן פּענעמל — האָט זי גיך געמאָלן — קום איך שוין, נישקאָשע, אָן דאָרט, וווּ מען דאַרף. געדולד, פריילנשי, נאָר געדולד!...

איר זיץ־אָרט איז געווען אַ קליינע, פאַררויכערטע קאַפע מיט מאַט־פאַרלאָפענע שויבן, פאַררוקט ערגעץ אין איינס פון די ווינקל־געסלעך, וואָס פאַרפירן שמאָל און בלינד צום „פּלעצל“. אינאַזייט פונם באַלאַגערטן קאָנטואַר האָט מען

זיך אויפגעהויבן מיט אַ שווינדל־שטיג צום ערשטן גאָרן, ווו דער סופיט איז קרום געלעגן איבערן קאָפּ. אַן אויפגע־שפּאַרטער דאַך־פליגל האָט דאָ אָפּגעדעקט פון אַ היפשער הויכקייט אַ שטיק פאַררויכערט פאַריז. צווישן שיטער־באַ־זעצטע טישלעך, קרומע דאַשיקעס און שפּיציקע, אַנטבלויז־טע, מיידלשע קניען, איז אָנגעשווומען אַ בלוילעכער סיגאַ־רעטן־רויך. פאַר דער באַשטעלטער קאַפּע האָט זיך דאָס ווייַ־בעלע אַלעמאָל געכאַפּט צו באַצאָלן ערשט נאָכדעם, ווי דאָס מיידל האָט זיך שוין פון אַ היפשער רעגע געגראַבלט מיט דאַרע פינגער ביי איר אין בייטל.

— אַ, א י ר צאָלט שוין! — האָט זי פאַרצויגן די דינע, פאַרטרוקנטע ליפּעלעך.

— שאַדט נישט! — האָט יענע פאַרכושט אוועקגעוואָרפן ס'קליינגעלט אויפן טישל — איז וואָס זשע, זאָגט איר מיר צו? מיר דערגייען נאָך עפּעס אַלץ נישט צו קיין טאָלק... שוין די דריטע וואָך, אַז עס קומען די קוויטלעך. נעכטן האָט מען זיך ווידער געפרעגט ביי דער קאָנסיערקע, ווו איך בין געמאָלדן!...

— אַ געזונט אין אייך, פרייַלנשי! איר זייט דאָך נישט קיין קינד! געדולד, זאָגט מען אייך. קיין איין פראַנק וועט אייך נישט פאַרלוירן גיין. צו יעדער צייט קריגט איר עס אָפּ ביז אַ סאַנטים...

די איבערגעוואַקסענע קריינדל האָט איר קעסיידער גע־טראָגן די אָפּגעשפּאָרטע פראַנקן פון דער שווערער האָרעוואַ־ניע אין די אָפּגעלעגענע טריקאָ־פאַבריקלעך אויפן בעלוויל. זי האָט זיך אַליין נישט פאַרגינען אָנצוטון קיין רעכט קליידל, קיין זאָק; און אַלע פאָר טעג איז זי געקומען אויפזוכן דאָס פאַרשלאָכעטע ווייבעלע אין דער פאַררויכערטער קאַפּע. די

האָרן-ברילן זענען איר אַרומגעפאָרן איבער איר קליינעם, רונדיקן נעזל און די רויטע פלעקן אונטער די אויגן זענען אַרויסגעטרעטן שאַרפער. און יענע האָט אַלץ אין איר אַריינגעטיינעט:

— אַזויפיל גוטע יאָר זאָל איך האָבן, וויפל מאַדמואַזעלן ס׳דרייען זיך אַרום אין פּאַריז נאַטוראַליזירטע און מיט אַרבעטס-פּאַפּירן!... אַ פראַנצויז, אַ מערי — וואָסי, שלאָפט מען זיך איינמאָל איבער מיט אים... שאַט, האָט איר אייך מיין וואָרט — די אַנדערע וואָך זענט איר דערליידיקט!...

ס׳איז אַוועק די אַנדערע, די דריטע און די פערטע וואָך — נישט זי האָט אָנגעזען דאָס ווייבעלע, נישט די קאַרטע. זי האָט עפּעס מיטאַמאָל אָנגעהויבן פאַרשווינדן צו ווערן און ס׳איז אָנגעקומען מיט גרויסע צאָרעס אויפצוזוכן זי אין דער קאַפע — זי האָט זיך אינגאַנצן אויפגעהערט צו ווייזן.

— וואָס ווילט איר? — האָט דאָס בעסאַראַבער ווייבעלע געליאַרעמט, ווען קריינדל האָט איר איינמאָל אָפּגעזוכט — כ׳האָב געגנוג מיינע קאָפּ-פאַרדרייעניש!... אָנגעזעצט זיך זעסטו!...

פון דעמאָלט אָן איז שוין קריינדל מער נישט געגאַנגען אין דער קאַפע, האָט געלאָזן פאַרפאַלן גיין די עטלעכע הונדערט פראַנק און האָט נאָך דערצו אינגיכן באַקומען אַן אויסווייז.

עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד האָט זי מוירע געהאַט זיך אַרויסצורירן פון שטוב, ווייל עס האָט זיך איר אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז מען גייט איר קעסיידער נאָך, אַז אָט ליגט מען אַרויף אַ שווערע האַנט ביי איר אויפן אַקסל...

אַבוץ זשאַקל פרעסער, אָט דאָס שטילע באָבערל מיט די אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס, האָט קיינער קיינמאָל נישט געוווסט ווו זי וווינט און קיינער איז צו איר נישט אַרויפגע־

קומען. און גראָד זענען אויך אויסגעפאַלן עטלעכע זייער אומ־רויקע טעג. אין די קוואַרטאַלן, וואָס זענען געדיכט באַוווינט געווען דורך אויסלענדער, אויפן בעלוויל און איבערהויפּט — אויפן „פּלעצל“, איז פּאָליציי אינמיטן העלן טאָג פאַרפאָרן אין גרויסע קאַמיאָנען, אָפּגעצוימט גאַנצע גאַסן, לעגיטימירט און אָפּגעפירט אין צענטראַל־אַרעסט, אין דער „סיטע“. זשאַקל פּרעסער איז, פאַרשטייט זיך, אויך געווען צווישן דידאָזיקע. דעם וויפלטן אויסווייז ער באַקומט, האָט ער שוין דאָסמאָל אַליין נישט געדענקט...

דערצו האָט זיך דאָס יאָר, פריער ווי אַלעמאָל, אָנגערוקט דער גרויער „מאָרט־סעזאָן“ און קריינדל האָט שוין אַ וואָכן פיר־פינף נישט געאַרבעט. אַ מאָגערן מיטאָג האָט זי נאָך באַקומען אויסגעבאָרגט אינם אַרבעטער־קלוב מיט די אָרום־געשיילטע ווענט, אויפן „פּלעצל“, אָבער פאַר דער עלעקטרי האָט זי געדאַרפט איינצאָלן, און אַזוי־ווי זי האָט נישט גע־האַט קיין לעבעדיקן פראַנק ביי דער נעשאָמע, איז זי טאַקע גאַנץ שיין געבליבן זיצן אין דער פינצטער...

ס'איז געווען אין שפּעטן, קאַלטן דעצעמבער. איבער די דעכער און איבער די שפּיציקע טורעמלעך פון דער צעשאָ־טענער שטאָט האָט געהויערט אַ פייכטער, שטעכיקער נעפּל. דער אָוונט איז אינמיטן העלן טאָג צוגעפאַלן צו דער קרומער שויב איבערן פאַרשפּאַרטן דאַך־פליגל. אין געדיכטן טונקל, האָבן צעשמירט אויפגעבליצט ווייטע, פאַרשידנקאָלירטע פייערן און האָבן זיך אַלע ווײַלע צוריק פאַרלאָשן. אַ ווינט האָט געוואָיעט אין די לופטעס פון די אַלטע, דיקע מויערן, געריסן די לויזע בלעכן פונם מעשופּעדיקן דעכל איבער איר קאָפּ. פון נאָך האַלבן טאָג אָן האָט זי געברענט שטיקלעך ליכט אויף אַ גרין, אָנגעטריפט פלעשל, איז געלעגן אין בעט,

אַ פּאַרקילטע, מיט אַ קרײַענדיקן כריפּ און זי האָט נישט געהאַט װער עס זאָל איר צודערלאַנגען אַ לעפל װאַרים װאַ-סער צום מויל.

בײַנאַכט זענען איבער איר ברענענדיק לײַב אַדורכגעגאַנגען הײסע שטראָמען, אַנגעגליט אירע שלײפן, געשטאָכן אין די ברוסט-װאָרצלען. זי האָט מיטאָמאָל דערפילט אַ נאָגעניש פאַר איר גאַנץ אײנזאַם, אָפּגעפינצטערט לעבן. װי אין קינ-דערישן יאָמערן מ אַ מ ע, איז זיך דער װײנט פאַרגאַנגען איבערן צוגעשפּאַרטן דאַך-פליגל, האָט פרײַ אומגעשפּאַ-צירט אינם אָפענעם קאָרידאָר און אין די לופטעס פון די אַלטע מויערן-װענט. ערגעץ האָט זיך אַ הויז-טיר צוגע-קלאַפּט מיט אַ טראַסק און אירע אויערן, װאָס זענען געװען אָנגעשפּיצט צו אַ ליאַדע גערויש, האָבן דײַטלעך געהערט, װי אינם לאַנגן, פינצטערן פאָדערהויז רופט מען זי בײַם נאָ-מען „קרײַנדל, קרײַנדל".

אַלע טויטע זאַכן אינם שטיבל דאָ, װאָס איז פול געװען מיט שאָטנס, האָבן מיטאָמאָל אויפגעלעבט, האָבן זיך גענו-מען באַװעגן און אַרויסברענגען קלאַנגען. דאָס איבערגע-טרוקנטע טישל, אַ צעפּרעסנס פון מאָלן, האָט געקרעכצט, האָט זיך לאָם געשאַרט אינדערמיט שטיבל-אַרײַן. די עטלע-כע קלײדלעך מיטן מאַנטל, װאָס זענען געהאַנגען אויפן טשװאָק בײַם טירל, האָבן זיך צעפּאָכעט, אָנגעבלאָזן, װי אַ װאַרעמער גוף פון אַ געהאָנגענעם װאָלט געצאַפּלט אונטער זײ...

אַ קאַלטער שװײס האָט זי אָפּגעגאָסן און זי איז געבליבן ליגן אומבאַװעגלעך, מיט פאַרקװעטשטע אויגן און פאַרשטאָפּ-טע אויערן...

ערשט אויפן אַנדערן פאַרנאַכט איז אַרויפגעקומען זשאַקל

פּרעסער. ער איז, ווי אַלעמאָל, געגאַנגען מיט ווייכע קאַצן־טריט איבער קאָרידאָרל, האָט פּאָרזיכטיק אָנגעקלאַפּט און האָט צוערשט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. אינדערטונקל האָבן זיי זיך איינער דעם אַנדערן נישט באַלד דערקענט.

— צו מיינע סאָנימס קעפּ — האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ ווייך, שיקלדיק קעלעכל, ווי אַן אַלטיטשקער — קראַנק גאָר!...

אין צופּאַלנדיקן כווישעך, האָט זי זיך האַסטיק אויפגעריסן פון איבער דער איינגעפאַלענער קישן און פאַרוואָרפנדיק דעם שויבערדיקן קאָפּ אַהינטער, האָבן אירע הייסע, בלאָנדזשענדי־קע פינגער אומגעזעען אָנגעטאַפּט די אָנגעפּראָסטיקטע הענט ביי אים.

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען — האָט זי געזאָגט מיט אַ וואַרים קאָל — מען קען דאָ אויסגיין און קיין טיר זאָל זיך נישט אויפמאַכן... זשאַקל — האָט זי אים דעם ערשטן מאָל אַ רוף־געגעבן ביים נאָמען — דערלאַנג מיר אַ גלאָז וואַסער, וואָרן איך כאַלעש!...

דער אַלטער טאַטע

פונם צעפּאָרענעם אויפליִיג-בעטל האָט זיך דער זאָקן מיטן שמאָלן, הויטיקן פּלייצקעלע מער שוין נישט אַראָפּגערירט.

צווישן טאָג און נאַכט האָבן זיך איינמאָל ביים אַלטן, ווע־מען מ׳האָט מיט יאָרן צוריק, אין וואַרשע, אַרום אייזערנעם טויער, אין שפּאַס אַ נאָמען-געגעבן שיעלע טעריק, אַ שאָקל-געטון די קניען; איז ער דעמאָלט קוים דערקראָכן צום ווינקל קיכל און אָנטאַפּנדיק הינטער זיך דאָס בערגל פּאַרוויקלטע קאָלדרעס, האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט, ווי אַן אונטערגעזעג־טער...

ליגן־געבליבן איז ער שוין אַרויפצו, אינם זעלבן קאַלטן, אָפּגעלאָזענעם קיכל, פאַרשטעקט האַרט צו דער קרומער וואַנט, ביים אייביק־צוגעשפּאַרטן דאַך־פליגל, ווו ס׳האָבן פאַרווישט אַרויפגעקוקט צום הויכן בעלוויל די צעשאָטענע דעכער און די אָפּגעקראַצטע ווענט פון פּאַריז.

דער קיצלדיקער ווייטיק אין זיינע אָנגעדראָלענע אייוורים האָט דעם אַלטן נאָגנדיק געיאַטרעט דורך די לאַנגע, נעפּל-דיקע מעסלעסן און דאָס קורצע, טעמפּע הוסטל האָט זיך פון צייט צו צייט אַ ריס-געטון פון דער איבערגעטרוקנטער קעל ביי אים, ווי אַן אויפגעשפּרונגענער פּראָפּן.

דורך די קורצע, הייסע נעכט האָט ער געהאַלטן אין איין קאַפּען פון זיך די גראָבע קאַלדרעס — ער איז געשלאָפן מיט א שווערן, גערדיכטן שלאָף און אין שטענדיקן הינער־פּלעט האָט ער אינגאַנצן פארלוירן דעם כעשבן צווישן טאָג און נאַכט...

אייביק, דוכט זיך, האָבן פון די אויפגעשפּאַרטע פענצטער אראָפּגעהילכט אין געסל־אריין די גראָבע, דינע און פישטשענדיקע קוילעס פון די ראַדיאָ־הילכער; אייביק האָט אין די צוויי טונקעלע, פּאַרוואַליעטע דאַך־שטיבלעך — אין דער אַטעליע ביים זון — היים געבלענדט די עלעקטרי און בילנדיק האָבן זיך אַלע ווײַלע געטון א ריס־אָפּ די פיר מאַטאָריזירטע נײַ־מאַשינען, אַז ס׳האָט זיך געדוכט — זיי וועלן אײַנלייגן די ווענט.

צווישן טאָג און נאַכט האָט ער אַמאָל אויפגעמאַכט א פאַר־שלאָפן אויג און האָט אַרויסגעקוקט צום שטויביקן שייבל; ער האָט דערזען פּונווייטנס, צווישן ראָז־באַזילבערטע וואַלקנד־לעך, די אָפּגייענדיקע ראַנדן פון א העל־בלויען יאַם־ברעג און ס׳האָט זיך אים אַלעמאָל אויסגעדוכט, אַז ווען־עס־איז וועט אָט די זיבן־שטאָקיקע, צעהויקערטע ארקע אײַנפאַלן, א שווים־געבן איבער די געטורעמטע דעכער און איבער די אָפּגעקראַצטע ווענט פון אָט דעם נייעם מין באָוול, וואָס רופט זיך פּאַריז.

אַמאָל איז אים גאָר צו כאַלעם געקומען די אַלטע היים, די צוויי אַרומגעפּליקטע שטיבלעך אויף געגנשע נומער 19, דאָס נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענע ווייב, מיט וועלכער ער האָט כאַסענע געהאַט באַלד נאָכן טויט פונם ערשטן; זי איז אַלע אירע יאָרן געוועזן א „זדעכליאַטשקע", א ליכטיקן גאַניידן זאָל זי האָבן...

— עלקע! — האָט ער זי צערטלעך גערופן פון שלאָף — עלקעשי קרוין! דערלאַנג מיר אין בעט־אריין אביסעלע שי־

טערם, עלעך מעך כאַטש אַנטכייקען מיינע אַלטע ביינער!...

ערשט גאָרנישט לאַנג, דוכט זיך, איננאַנצן מיט אַ יאָר פיר צוריק, האָט דערזעלבער שיעלע טעריק, דאָס אויסגעפליקטע זעקל־יידל, ווי מ'האָט אים געפלעגט צו רופן אין וואַרשע, אַרום אייזערנעם טויער, פאַרהאַנדלט די העפקער־געבליבענע גרינסן־בויד מיט דער לעבערדיקער „פלאַנדעקע" אין די האַליעס און האָט זיך אויף אַ גאַנצן ווינטער אָוועקגעזעצט אין שטוב־אַריין לעבן פונם גרייטן און פון דעם, וואָס בינעם, דער יינגערער בנאָק פון פאַריז, וועט אַריינשיקן.

געשעען איז עס אַלצדינג מיטאַמאָל, קיין גאַנצע אַכט טעג נישט נאָכן פלוצימדיקן אַוועקפאַלן פון זיין צווייט ווייב, עלקע די בלינדע קוקע — אַ יידענע מיט אַן אויסגעשאָטן גרוי און שטעכיק הערל אויף דער גאָמבע, מיט אַ רוי, אַנגעשפּאָלטן קאָל, אַ לאַנגע, אַ מאָגערע, אַן איינרייסערקע. זומערן אין די היצן און ווינטערן אין די קעלטן האָט זי איינע אַליין גע־טאַשטשעט די פולע קוישן מיט גרינוואַרג, ווי אַ סאָלדאַט, נאָכגעקלונגען מיט אַ לעדערנער טאָרבע קליינגעלט, געשאָלטן דעם שלימאַזלדיקן מאַן אירן, האַלעמיי ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט אינמיטן דערינען געבריכט צו ווערן, האַלעמיי זי מוז איינע אַליין האָרעווען ווי אַ פערד און האָט אַפילע ביי־נאַכט, אין געדיכטסטן שלאָף, נישט אויפגעהערט צו פרעפלען מיט טויטע קלאָלעס אויף די שכיינעס, די פיסקאַטע מאַרק־יידענעס, וואָס ווילן זי אַרויסרייסן דעם ביסן ברויט פון מויל.

— אַ מיוון פון אַ סאָלדאַטסקן שטעל! — האָבן זי די מאַרק־ווייבער געטאַטשעט אין די אויגן־אַריין — איר וועט זען, זי וועט זיך נאָך אַ ליאַדע טאָג אונטעררייסן די גע־דערים פונקט ווי דער מאַן אירער, שיעלע טעריק, דאָס אויסגעפליקטע זעקל־יידל!...

מיט אַ נאַכט פריער האָט זי זיך אָבער פּישטשענדיק געקלאָגט, אַז אָטאָ־דאָ, סאַמע אונטערן לעפעלע, פאַרגייט עס איר, סע ציט, באַהיט זאָל מען ווערן, אַזוי ווי מיט פּיאַווקעס, און — באַגינאַן, אין געליאַרעם פון דער כמאַרע אָנגעפלויגענע ווייבער, איז זי שוין געווען פאַרביי...

אין דער פאַרקאַפּטשעטער פּאַציאַטקע, אויף גענשע נומער 19, וווהין ער האָט זיך נאָכן ווייבס טויט אַריבערגעצויגן פונם דריטן גאָרן, פון דער קיך מיט די צוויי אַרומגעשיילטע שטיבלעך, האָט דער אַלטער אַ גאַנצן ווינטער אייגער אַליין, מיט ציטערנדיק־געדראַלענע הענט, געשפּאָלטן דינע העלצלעך און צוגעוואָרפן זיי אַלעמאָל אינם פּיצינקן, אייזערנעם אויוועלע. ער האָט זיך יעדן באַגינען, נאָכן ערשטן, פריען שאַכרים, אויפגעזידט אַ קופּערנע באַנקע מיט וואַסער, פאַרבראָקט דאָרע שטיקער ברויט אין דער גרויסער שיסל מיטן בלויען רייפעלע און האָט עס אַזוי, דזשאַמשזענדיק, פאַרשלונגען, לעקנדיק דערנאָך מיט דער צונג די פאַרשאָטענע קרישקעלעך.

אין די קורצע, ווינטערדיקע טעג האָט ער אַריינגעקוקט מיט אַ געפּלאַצטער בריל אין אַן אויסגעפּליקט איוורע־טייטשסייפערל, טאַפּנדיק מיט בלויע פינגער אַרום דער קאַלטגעוואָרענער רער, פויל מאַלעגיירעט מיטן פוסטן מויל, מיטן שיטער־גרויליכן בערדל, פונוואַנען ס'האָט אַרויסגעקוקט די נאַקעט־אָפּגעבריטע גאָמבע, דאָס הויטיק - פאַרשרומפּענע העלדזל, ווי ביי אַן אויסגעמאַרעטער הין. מיטן ערשטן שאָטן האָט ער זיך, אַ לאַנגע, אַ פינצטערע, אויפגעריסן פון בענקל, אַ וויש־געטון די הענט איבער די בלויע, פאַרלאָפענע שייבלעך און איז, קרעכצנדיק מיט די ברעטער פונם

דיל, אַוועק צו מינכע־מיירעוו אינעם היימישן שולכל, אויף איינעם פון די נאַלעווקער דורכגאַנגס־הייף.

דאָס בריוול פונם רויטן בינעמען, דעם ייִנגערן בנאָק פון פּאַריז, אַז ער זאָל זען אַריבערצוקומען, האָט ער דערהאַלטן ערשט אַרום פּייסעך־צייט, ווען די שייבלעך זענען שוין גע־האַט אָפּגעגאַנגען פון פראָסט, ווען ער איז שוין אַזוי אַ וואָכן־פיר געלעגן אין בעט, אַ פאַרקילטער, מיט געשוואָלענע, יאַטרענדיקע אייוורים.

„טאַטע — האָט ער אים געשריבן אינם בריוול מיט די קרומע, הויקערדיקע שורעס — עך וויל, אַז דו זאָלסט אויף דיינע אַלטע יאָרן מער שוין נישט אַרבעטן. געדענקסט, טאַטע, ווי איך בין דעמאָלט באַלד נאָך סוקעס אָפּגעצויגן פון דער היים — אַ סמאַרק, אַ ראָצער, אַ גאָרנישט שב׳גאָרנישט... זאָלסט היינט געוועזן אָנקוקן מיין פאַבריק, מיין ווייב, מיינע קינדערלעך, מיינע „לאַכטיקע פּאָקאָיעס“...

דעם זונ׳ס „לאַכטיקע פּאָקאָיעס“ האָט טאַקע דער אַלטער איינגיכן אַליין געהאַט די געלעגנהייט אָנצוקוקן. ער איז אינ־מיטן פון די יולי־היצן אַראָפּגעקומען קיין פּאַריז, אַ פאַר־באַבלטער אין פּאַלטנס, וועסטן און שאַלן. אין זיינע האָריקע אויערן, פאַרשטאָפּטע מיט שטיקער וואַטע, איז טויב אָנגע־לאָפּן אַ בילנדיק געוויש פון דער גאַס, פאַרפאָרנדיק גלייך פון דער באַן אין אַ ווייך־געבעטער טאַקסי צום זון אויף דער דירע.

נאָך די אַלע אויספרעגענישן, האָט ער בידעשלעך באַקוקט פונדערזייט דעם אויסגעפּראַנטעוועטן זון, וואָס איז זיצן־געבליבן לעבן אים, אַ פרעמדער, אַ ווייטער, מיט אַ קאַלט בלישטשל פון אַן איינגעפּאַסטן שטיין אין אַ גילדערן רינגל, אויפן מיטלסטן, געפּאַקטן פינגער.

צווישן דעם קאַרגן צענדליק אָפּגעפּליקטע קינדער, וואָס האָבן זיך נאָכן טויט פונם ערשטן ווייב אומגעוואַלגערט אין שטוב ביי אים און זענען זיך ביסלעכווייז צעלאָפן אין דער וועלט־אַריין — ביסלעכווייז האָט זיי אויך דער שוואַרצער, בייזער ביים־אָקוואָרעס־ייִד, פאַרוויקלטערהייט, אַוועקגע־טראָגן אויפן פּראָגער בייסוילעם — האָט דער אַלטער שווער־לעך פאַרגעדענקט אַ באָכער־ל מיט רויטע האָר, מיט אַ קלייניג־דיק-אויסגעשאָטן פּאָנים און מיט גרויסע, אָפּשטייענדיקע אויערן. איז זאָל עס אָטאָ דער־אָ זיין דערזעלבער בינעם, וואָס האָט יאָרן-לאַנג נישט געלאָזט הערן פון זיך, איז איינ־מאָל אַוועק און — אַזוי ווי אין וואַסער־אַריין? און איצט...

דער אַלטער האָט אָבער לאַנג קיין צייט נישט געהאַט איבערצוקלערן. מען איז באַלד דערנאָך פון די פּרעמדע, שיינע גאַסן־אַראָפּ פאַרפאָרן אויף אַ באַרג, אין אַ הויקערדיק פּאַסאַזשל, וואָס איז, דוכט זיך, געהאָנגען ערגעץ אינדער־לופטן. אויפגעהויבן האָט מען זיך איבער אַ טוכלער שווינדל־שטיג, וואָס האָט זיך גאָרנישט געוואָלט אויסלאָזן.

מען האָט לעקאָוועד דעם געהויבענעם גאַסט די מאַשינעס אַפילע נישט אָפּגעשטעלט. עטלעכע שויבערדיקע קעפּ און געבויגענע רוקנס פון מיידלעך האָבן זיך געהויקערט איבער זיי און אין גערויש האָט דער אַלטער קוים דערהערט די נישט זייער־שטאַרק־פּאַראינטערעסירטע נאָכפרעגענישן אויף די היימישע — קרוייוים און סטאַם באַקאַנטע. די שנור דעם אַלטנס, אַ קליין, אויסגעמאָגערט ווייבל מיט גראָב-פּאַר־שמירטע ליפּן, האָט אים פרעמדלעך באַדינט, געגעבן אָפּצו־עסן ביי אַ ווינקל טיש און האָט אים נישט פאַרגעסן אָנצו־זאָגן, אַז ער זאָל קיין פּאַריבל נישט האָבן און זאָל נאָכן עסן אַליין אַוועקטראָגן די קיילים אין קיכל אַריין.

דער אַלטער איז זיצן־געבליבן אויף אַ שפּיץ שטול און האָט נישט באַטאַמט געשלונגען דאָס צודערלאַנגטע עסן. דורך זיין הויטיק־פאַרשרומפּן העלדזל האָט זיך שווער אַדורכגע־שפּאַרט יעדער איינציקער שלונג.

מיטאָג־צייט זענען אַנגעלאָפן און האָבן דעם אַלטן שמייכ־לענדיק אַ באַקוק־געטון צוויי וועוורקלעך, אַ רויטס און אַ שוואַרצס, מאָגערע, אין סאַטינענע פאַרטוכער, מיט גרויסע שפּאַקולן אויף די פּיצינקע נעזלעך. זיי האָבן אַזוי עטלעכע רעגעס געשטשירעט מיט די שיטער־אויסגעפאַלענע ציין און האָבן זיך דערנאָך אַ פאַרגראַב־געטון אינם קליינעם מאַמעלע.

— ס'איז דאָך דער זיידע אייערער פון „פּאָליאָן"! — האָט זי זיי געגעבן צו פאַרשטיין אין פראַנצויזיש.

זענען זיי דערנאָך נישט דרייסט אונטערגעקומען צום אַלטן, אריינגעלייגט אין זיין ציטערדיקער דלאָניע זייערע קליינע, קאַלטע פויסטלעך, האָבן עפּעס גענומען רעדן אַזוינס, וואָס דער אַלטער האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און ווען ער האָט צו איינס פון זיי אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן קעפּל, האָט זיך עס ראַפּטום אַרויסגעריסן פון אים און ביידע האָבן, צונויפשטויסנדיק זיך אין אַ קופּע, אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער...

דעם אויסגעפּראַנטעוועטן זון מיטן קאַלטן בלישטשל אויפן מיטלסטן, געפּאַקטן פינגער, האָט ער שוין דערנאָך אינ־גאַנצן מער נישט דערקענט. מיט אַ רויטן, אונטערגעגאָלטן קאַרק, אין אַ פאַרצויגן, אָפּגעבליאַקעוועט כאַלאַטל, אַ שווע־רער, אַ פרייכנדיקער, האָט ער זיך דעם איבעריקן האַלבן טאָג אַרומגעפּאָרעט צווישן די פּאַרוואַליעטע בערג טריקאָ, ווי אַ פּאַרוואַקסענער בער. איבער אַ נאַקעטן טיש, אין אַ באַזונ־דער ווינקל, האָט געברענט אַן עלעקטרי און ער האָט מיט

אַ גרויס קיילער-מעסער געפּאַלמעסט לעבעדיקע ראָלן טריקאָ־שטאָף.

צוליב די הויכע ווענט, וואָס האָבן זיך געהויבן אַרום ביידע דאַך־שויבן, איז פֿרי צונעפּאַלן דער אָוונט. די אָנגעגליטע עלעקטרישע שיין האָט דאָ פֿון האַלבן טאָג אָן, ביז אין דער שפּעטער נאַכט־אַריין, רוישיק פֿאַרבלענדט ביידע טונקעלע, צעהויקערטע דאַך־שטיבלעך. מיטן טונקל ווערן, האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפֿשאַרן די „פּאַסאַזשירן", וועלכע האָבן אַ־רויסגענומען אַרבעט צו זיך אין די ענגע האָטעל־שטיבלעך. די אויסגעבלייכטע ווייבלעך און די מאָגערע, נישט־געגאָלטע יינגעלייט האָבן נישט אויפֿגעהערט צו שלעפּן זיך אַהער, אויפֿן זיבעטן שטאָק, מיט די פּעקלעך, פֿאַרוויקלטע אין שוואַרצע טיכער.

דאָס רויטלעכע באָכערל מיטן קלייענדיק־אויסגעשאָטענעם פּאָנים, מיט די גרויסע, אָפּשטייענדיקע אויערן, איז שוין איצט געווען אינגאַנצן אַן אַנדערער, ווי ער האָט זיך דעם אַלטן פֿאַרגעדענקט פֿון אַמאָל. ווי פּינקטלעך ער האָט נאָכגעציילט אין זייערע פּעקלעך, ווי אָנגעצויגן־בייז ער האָט זיך עס אַרום־געווערטלט מיט דידאָזיקע האַבנאָעדיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך, פֿאַרשוויצטע און אויסגעמאַטערטע, געבראַנגט אָנצושלעפּן אַהער, אויפֿן זיבעטן שטאָק. ער איז געווען געזעצט, גע־לאַסן און וואָס מער יענער האָט זיך געהיצט, אַלץ רואיקער און דייטלעכער איז געווען זיין טרוקענע שטים.

די שטוביקע האָבן דאָ זעלטן־ווען אָנגעקוקט די ליכטיקע שיין. געאַרבעט האָט מען יאָנטעוו און אינדערוואָכן, בייטאָג און ביידערנאַכט. צוריקקומענדיק פֿון „עקאָל", האָט מען דאָס עלטערע יינגל מיטן איבערגעוואַקסענעם מיידעלע איינגע־שפּאַנט ביים איבערדרייען די העמדלעך. מיט רויטע אויגן

זענען זיי דערנאָך לאַנגע שאָען אַפּגעזעסן איבער די העפטן און ביכלעך. זייער שפּעט זענען אַלע מיד און שלעפעריק אַוועקגעפאַלן אין די בעטן־אַריין און באַגינען איז מען שוין ווידער געשטאַנען אויף די פיס.

אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג האָבן זיך מאַן און ווייב אַמאָל אַראָפּגעכאַפּט אין אַ דערבייאיקן „סינעמאַ“, אָדער צו לאַכ־טיגערן אין „טיאַט“, אויף לאַנקרי נומער 10, אָנצוקוקן אַ האַרצרייסנדיקע יידישע אָפּערעטע. דעם אַלטן און דאָס קליינ־וואַרג האָבן זיי איבערגעלאָזן הינטערן שלאָס, אָנזאָגנדיק זיי אַ מאָל צען, מען זאָל גוט אַכטונג געבן צו דער טיר. צוריק־וועגס האָט אים שוין ס׳מאָגערע ווייבעלע געמוזט אַהיימ־פירן אַ שלעפעריקן, מיט אונטערגעבראָכענע קניען.

שפּעט אינאָוונט האָבן זיי זיך געברעננגט אָנצושלעפּן צום אויסגעלאָשענעם האָטעל. דער קאַפּעלוש איז ביי אים קרום געזעסן איבער די אויגן און דער נייער אָנצוג איז, דוכט זיך, געהאָנגען אויף אים, ווי אַ פרעמדער, אַן אויסגעבאָרגטער.

— ווייס איך דאָרט, די שמאַכטעס — האָט ער איר בייז צוגעוואָרפן — געזאָלט צושניידן אויף מאָרגן די פּאָר טויז העמדלעך... די „פּאַסאַזשירעס“ וועלן באַלד אינדערפרי ליווערן די סכוירע... אַבי זי שלעפּט...

— זאָג נאָר, דו — איז זי שוין אַרוים מיט לאָשן — האָסט נאָך עפּעס אַ פּאָר אַלטע לייט פון דיין מישפּאָכע אויסצו־שרייבן פון וואַרשע?... ברענג זיי אַראָפּ, גיכער... דער אַלטער מאַכט מיר אַזוי אויך פול די שטוב. די ענגעניש... אַ כאַרפּע פאַר מענטשן אין וואָס פאַר אַ לאָך מען שטעקט... זינט ווען מען רעדט שוין וועגן דינגען זיך אַ שטיקל דירע... צייט, שרייט ער, מאָרגן, שפּעטער... קוועטשט ביי זיך דאָס טשעק־ביכל און ציטערט איבערן פראַנק...

איבער דער קרומער שווינדל-שטיג קריכט מען שוין דער־נאָך, צעווערטלטערהייט, אַרויף באַזונדער. די שכיינים פונם הויז שלאָפן שוין אַלעמאָל אין דער צייט. די זיבן טוכלע, פינצטערע שטאָקן, דאָס הויז מיטן אויסטערליש-פרעמדן נאָ-מען „האָטעל פּעקין" איז באַווינט געווען דורך אַ קליינעם אינטערנאַציאָנאַל. איינזאַמע אַרמענער, גרינס־הענדלער, קלאָשאַרן און אייביקע „שאָמאַזשניקעס" (1), וועמענס מיש־פּאָכעס ס'זענען אומגעקומען דורך די קרומע קינזשאַלן פון די טערקן, אין זייער היימלאַנד. עטלעכע וואָנסאַלע פּאָליאַקן, קוילנגרעבער, געקומענע פון „נאָרד"-פראַנקרייך, וואָס האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן אינאַזייט פון אַ פּאָלצייאיש אויג, מיט היפּשע עטלעכע אויסווייזן אין די קעשענעס. עטלעכע פראַנ-צויזישע קינדערלאָזע פּאָרלעך, וואָס האָבן, אַנשטאָט קינדער, געכאָוועט ביי זיך ראַסאָווע אַנגאָראַ־קעץ און הינט מיט קורצע, פּייכטע פּיסקלעך... און אין אַלע איבעריקע טירן — יידן, יידן, ביז צום זיבעטן שטאָק־אַרויף...

סיי דאָס גאַנצע פּירעכץ ביים זון אין שטוב, סיי דאָס גאַנצע יידישקייט אין פּאַריז, איז דעם אַלטן גלייך פון אָנהויב אָן נישט געפעלן געוואָרן. ס'איז שווער געווען אויסצוזיצן אַ שאָ אינם דאָזיקן געהענעם — אין דיביידע פּאַרנע שטיבלעך, ווו דער אָנגעגליטער דאַך איז געלעגן איבערן קאָפּ, ווו דאָס גערויש פון די מאַשינען האָט פאַרגלישעט די אויערן.

— דאָס ווייס נישט פון קיין גאָט און־פון קיין טייוול! — האָט ער זיך באַקלאָגלעך אויסגעשמועסט מיט די צוויי־דריי אויוורבאַטלדיקע יידן אינם ליידיקן „ראָטשליד־שולכל", אין עק פון דער הויקערדיקער גאַס.

---

(1) אַרבעטער, וואָס באַקומען אַרבעטסלאָזע אונטערשטיצונג.

נאָך גוט, וואָס אין דער נידער, ארום די זשאווערנדיקע ווענט פון דער גאָטישער קירך, בליען עטלעכע שיטערע קאַשטאַנען-בוימער; ס׳שטייען אַ פּאָר ארומגעבראָכענע בענק און אַ ני-דעריק שטאַכעטן-פּלויטל טיילט אָפּ ס׳גערטל פון דער גאַס, וואָס לאָזט זיך דאָ אראָפּ צום רוישיקן בולוואר, אַ שטויביקע, אַ פּעכיק-צעפּאַרעטע פון דער מיטנטאָגיקער היץ. עטלעכע דרעמלדיקע זקיינים, אַזוינע ווי ער, וואָס לעבן אָפּ זייערע לעצטע פּאָר יאָר אויף קעסט ביי קינדער אין פּאריז, קומען דאָ אַמאָל ארויס און זעצן זיך אַוועק אָפּרוען. ארום זייערע ברודיק-צעקנעפּלטע קעלנער באַמבלט זיך לויז נאָך אַ צע-קנייטשט קראַוואַטל און אין די הויכע, רונדיקע קאַפּעלושן זיצט אַן איינגעגעסענער שטויב, שוין פון יאָרן.

— וואָס־זשע פרעגט איר ר׳ שיע — טרייסלט ווער פון זיי, אין גליוועך פון דער נאָכמיטאָג-היץ, מיט די נאַקעטע דזשאַנס-לעס, מיט די הויטיקע, שיטער־באַוואַקסענע בעקלעך — מ׳זעמיר נישקאָשע, אויסגעשפּילט!...

אַי, אַי, אַי! — קרעכצן זיי אַלע אונטער אין כאָר אָפּן אונטערגעגאַנגענעם יידישקייט אין פּאריז און פּארציען מיט די הוילע, הויקערדיקע פּלייצקעלעך.

פּאַרנאַכט טוט דאָ דאָס אָפּגעליידיקטע געסל אַ הילך מיט פּרעמדע מינע קוילעס דורך לופטיק-אויפגעשפּאַרטע פענצ-טער און פון אָפּגעלעגענע פּאַסאַזש-קאַפּייען. אויף שטילע שוועלן, ביי די פּיס פון פונאַנדערגעזעצטע ווייבער, ליגן געהאָרכזאַם אויסגעצויגן קודלאַטע הינט מיט פייכטלעך-פאַרמרוזשעטע אויגן-שפּעלטלעך, מיט פונאַנדערגעשפּרייטע לאַפּעס צום טראָטואר-ארויס...

נישט זייער וויל זענען די לעצטע פּאָר יאָר אריבער פּאַרן אַלטן שיעלע טעריק אין פּאריז. פאַרקלייבנדיק זיך עטלעכע

מאָל אין טאָג צו דיביידע דאַך־שטיבלעך, האָט זיך צוערשט אָפּגערופן ביים אַלטן זיין אַמאָליקער אַסטמע־פּעלער. ער האָט גענומען סאַפּען, ווי אַ גאַנדז און אין דער שטענדיקער ענגעניש, האָט ער קוים געפונען אַ ווינקל שטול, אַנידערצו־וואַרפן זיך. דערנאָך האָט זיך עס אָנגעהויבן מיט די פאַר־קילונגען. זייער נישט קיין זיכערע וועטערן האָבן זיך באַלד אין אָנהויב פון לעצטן זומער אַ שטעל־געטון אין פּאַריז. מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן צו ס׳וועט רעגענען, אָדער ס׳וועט שיינען די זון, און פאַרן אַלטן איז אַ ליאַדע ווינטעלע געווען געפערלעך. ביפּראַט, אַז געשלאָפן איז ער אין די קילסטע נעכט ביים אָפענעם דאַך־פליגל, דורכוואַנען דאָס דושנע שטיבל האָט אַביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. נאָר ווער האָט דען ביינאַכט דערהערט דעם אַלטנס אונטער־הוסטן, אַז געשלאָפן זענען אַלע ווי געהאַרגעט. און באַלד אינדערפרי האָט שוין אַלץ געמוזט שטיין אויף די פיס — מ׳איז געטרעטן איבער קישנס און איבער אויפגעראָיעטע געלעגערס.

און אין יענעם פאַרנאַכט איז עס איינמאָל געשען.

אַ גאַנצן ווינטיקן טאָג איז דער אַלטער אָפּגעזעסן מיט די עטלעכע זקיינים אינם קליינעם גערטל, אַרום די זשאַווע־רענדיקע וואַנט פון דער גאָטישער קירך, און פאַרנאַכט, אַרויפקריכנדיק מיט דער קרומער שווינדל־שטיג, האָט ער זיך שוין מער נישט געקאָנט דערהאַלטן אויף די פיס. ס׳האָבן זיך ביי אים אַ שאָקל־געטון די קניען און ער איז צוגעפאַלן צום בערגל ברודיק־פאַרוויקלטע קאָלדרעס.

פון דעמאָלט אָן איז ער שוין ליגן־געבליבן אַרויפצו, אינם קאַלטן, אָפּגעלאָזענעם קיכל, פאַרשטעקט האַרט צו דער קרומער וואַנט. אין פאַרשטויבטן דאַך־פליגל, איבער זיין

קאפּ, האָט אַרייַנגעקוקט דער גליִענדיקער שפּיץ פון דער גאָטישער קירך. אין שטענדיקן הינער־פּלעט, האָט זיך אַמאָל, אין אַ שטילער, זונטיקדיקער שאָ, אָפּגעריסן פון דאָרט דאָס איינטאָניקע, באַסאָווע גלעקערן און צוזאַמען מיטן אויס־גייענדיקן געקלאַנג האָט זיך דעם אַלטן אָפּט געוומען אויס־דוכטן, אַז זיינע הייסע, אַנגעדראָלענע אייוועלים ווערן אָפּגע־קילט, גליווערן און ער אַליין, צוזאַמען מיט דער זיבן־שטאָקיקער, צעהויקערטער ערקע, פאַלן נידעריקער, נידע־ריקער...

ווייט און פאַרטויבט האָבן זיך אָבער דערטראָגן צו אים די אָפּטע און שאַרפע קריגערייען, וואָס זענען דאָרט אַ גאַנצן טאָג אָנגעגאַנגען צווישן דעם געזעצטן, שווייגנדיקן זון מיטן קליינעם, מאָגערן ווייבל זיינס, וועלכע איז אייביק אַרומ־געגאַנגען מיט רויטע, פאַרשנורעוועטע ליפּעלעך:

— ווי לאַנג, מיינסטו, וועט מען עס דען אינגאַנצן ליידן?... — האָט ער גערעדט שטיל און געזעצט, דער זון.

— ליידן־שמיידן... אַז ווער דאַרף עס דען אינגאַנצן ליידן, ווער?... און דאָ ברענט עס אונטער די הענט — סעזאָן, האָסטו פאַרגעסן!...

פונדעסטוועגן האָט מען דאָ איינמאָל געלאָזן אַראָפּברענ־גען צום אַלטן דעם קאָמישן דאָקטער שאַט, וואָס רעדט מיעסע רייד פאַר יינגע ווייבלעך אין די אויגן, קנייפּט אונטערוואַקסנדיקע מיידלעך, אַלע מענער רופט ער „מוישע־לע", אַלע ווייבער — „יאַכנע" און איז מיט אַלעמען אויף „דו". אַ צעקנייטשטער, אַ קליינינקער, מיט אַן אַראָפּהענ־גענדיקער, גאַוועדיקער ליפּ, האָט ער זיך פאַר האַלבע נאַכט אַריינגעיאָוועט מיטן וואַליזקעלע אין דער האַנט.

אינדערמיט פון די ביידע שטיבלעך, איבער די צעטרייסל־

טע נײַ־מאַשינען, איז נאָך געהאָנגען דער הייסער טשאַד פֿון די עלעקטרישע לעמפּ. דאָס גערויש איז אַ רעגע שטיל געוואָרן, מען זאָל כאָטש הערן אַ וואָרט אויסצורעדן. דער רויטער, געגאָלטער נאַקן פֿונם זון האָט זיך אַ טראָג־געגעבן צום טירל, אָנצובאַגעגענען דעם יידישלעכן „באָן־סואַר“ (1) פֿונם קאָמישן דאָקטער שאַט.

— די גראַטשקעס — האָט ער זיך געטון אַ שטעל־אַרײַן —אַי, די סעזאָנען, די „מעזאָנען“ (2), אַנו, ווו איז ער, דער כווילע אייערער?...

דאָס קליינע, מאָגערע ווײַבעלע האָט זיך נישט באַלד געכאַפּט צום ענטפֿערן. פֿאַר די עטלעכע יאָר, זינט ווען דער אַלטער איז אַראָפּגעקומען, האָט זי נאָך נישט אויפֿגע־הערט אַרומצוגיין אין שטוב ווי אַ קוואָקע — אַן אָנגעצוי־גענע, אַ בייזע...

דעם אַלטן האָבן זיי געפֿונען אָפּן צעפּאַרענעם אויפֿלייג־בעטל, מיט דער קרומער, טוכלער וואַנט איבערן קאָפּ, מיטן אייביק־צוגעשפּאַרטן דאַך־פֿליגל. אַרויפֿדרייענדיק דאָס מאַטע גלי־לעמפּל, נידעריק אונטערן סופֿיט, האָבן זיי דערזען דעם אַלטנס פֿאַרוואָרפֿענעם קאָפּ איבער דער אָנגערוקטער קישן. אַן אײַנגעשפּאַרטע פֿליג, אַ גרויסע, אַ האָריסע, האָט געזשור־מעט איבער זײַן רויטלעך, פֿאַרשוואָלן פּאָנים. די אויפֿגע־הויבענע האַנט האָט אַ רעגע געציטערט צווישן דעם דאָק־טערס קאַלט־טאַפּנדיקע פֿינגער און איז שווער צוריקגעפֿאַלן אויף דער קישן, ווי עפּעס אַ טויטע זאַך.

— נו, ווי? — האָט אים, דעם דאָקטער, פֿאַרהאַלטן דער־

(1) גוטן־אָוונט.
(2) הייזער, ווו מען נעמט אַרויס אַרבעט.

נאָך דער זון אין פינצטערן קיכל מיט אַ פּאַרזיכטיקן פרעג, אָפּשטעקנדיק אים עטלעכע ניקלנע מאַטבייעס.

— וואָס ווי'קעט איר, וואָס? — האָט דאָס איינגעהויקערטע יידל, דער דאָקטער, געערדט מיט אַ שאַרפן, ליטווישן אַקצענט — ווי אַזוי מען בעט זיך, אַזוי שלאָפט מען!...

— נו, יאָ... כ'מיין טאַקע... עפּשער אין „האָפּיטאַל" (1) אריין?... אַן אַלטער מאַן... — האָט ער געפּרווט טרעפן דעם דאָקטערס געדאַנקען און עפּעס איז אים לייכטער געוואָרן אויפן הארצן...

— כאַ... איר זייט אַ מאָדנער ייד... וועמען וועט איר דאָ גיין פירן אין „האָפּיטאַל"-אריין — אַ שאַרבן, אַ הויפן צעשאָטענע ביינער?... וואָכן קען זיך עס אַזוי פּאַרציען.

און ער האָט אַ פּאַרקלאַפּ-געטון מיט דער הויז-טיר סאַמע הינטער זיין נאָז...

נאָכן דאָקטערס אוועקגיין איז איןביידע קרומע דאַך-שטיבלעך שטיינגעבליבן אויף לאַנג אַ שווערע, איינגעהאַלטענע שטילקייט. מ'האָט, דוכט זיך, דייטלעך געהערט, ווי דער עלעקטרישער שטראָם רינט אין דער פאַרצווייגטער דראָטן-נעץ, אונטערן נידעריקן סופיט. דאָסמאָל האָט שוין דער זון אַליין, דער רויקער, דער געזעצטער, אויך נישט אויסגעהאַלטן. זיין שטים איז געווען צעשטרייט און אומגליקלעך:

— די צאָרעס, זעסטו... אַ גאָלדענעם סעזאָן קוילעט ער מיר אוועק, דער אַלטער...

(1) שפּיטאָל.

פאַריזיאַדע

אויפן שיטער־באַבוימערטן בולוואַר, וואָס ראַאַשט אין דער סאַמע נידער פון די אַראָפּגעשאָטענע געסלעך, שווינדלט נאָך אַלץ, ווי נעכטן, דער פאַרביקער געטומל צווישן די אויפגעשטעלטע קאַרוזעלן, פּאַנאָפּטיקום'ס און צווישן די לאָקנדיק־פאַרצויגענע פּאָרהענגלעך. פון פאָרנט שטייען לייביקע ווייבער מיט מאָגערע, פאַרראָזיקטע באַקן, — האַנט־טרעפעריגס, — באַהאנגענע מיט האַלדז-בענדער און בלישטשענדיקע אויערינגען. מיט צעגלענצלטע אויגן רופן זיי אַריין צו זיך. אַביסל ווייטער רוען נישט איין די לויז־אויפגעריסענע טירלעך, וו מען ווייזט פאַר איין פראַנק אַלעראַליי מאַגישע און אַקראָבאַטישע קונצשטיק.

אונטער אָנגעצויגענע, פאַרוסינענע לייוונטן, אויסגעשמיסענע פון רעגן און ווינט, דרייט זיך מיט פוילע, ריטמישע באַוועגונגען, אויף אַ שמאָלער, פראָוויזאָרישער עסטראַדע, אַ קליין, בלאָנד מיידל מיט נאַקעטע, גערונצלטע הענט און אַנטבלויזטע פיס. ס'איז איר, זעט אויס, גוט קאַלט. אין געקוויטש פון ליאַרעמדיקן מעגאַפאָן, זענען אירע בלאַסע, צוגעפאַרבטע ליפּן אומבאַוועגלעך אויסגעקרומט, אַקוראַט ווי זי וואָלט זיך אָנגעשטרענגט איבערצושרייען דאָס סענטימענטאַלע, פאַריזערישע גאַסן־לידל.

אונטערן שיטערן רעגן רויעט זיך דער פֿאַרביקער אוילאַם.

פֿאַרקלאַפּן בעסער דאָס פֿענצטער, אַראָפּלאָזן אינמיטן העלן טאָג דעם שווערן פֿאָרהאַנג, צוריק פֿאַרקלייבן זיך אונטער דער קאָלדרע — ניין, ס'וועט נישט העלפֿן; דאָס איינטאָניקע געקוויטש פֿון די קאַרוזעלע-מאַרשן אויפֿן בולוואַר בויערט, ווי אַ זשומענדיקע פֿליג, ביז שפּעט אין דער נאַכט, די האָרכנדיקע ווענט פֿון מיין אָפּגעלאָזן האָטעל-צימערל אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק. עס פּייניקט מיך אַן אומדערקלערבאַרער אומעט און אַבוץ דעם, לייד איך שטאַרק אויף קאָפּווייטיק. די פּראָשקעס שלינג איך איין, ווי קילע מיענטעצוקערלעך און — ס'העלפֿט נישט. עס מאַטערט מיך די שלאָפֿלאָזיקייט. ס'איז נישט קיין וווּנדער אויך! איך הויב זיך אויף נאָכן האַלבן טאָג און לייג זיך גאָר פֿרי. מיטן הונגער גיב איך זיך אַפֿילע אַן אייצע. אין מויל זעצט זיך אָפּ אַזאַ קלעפּיקער שליים און ס'ווילט זיך קעסיידער זופּן. קיין גלאָז האָב איך נישט, טרינק איך פֿון דער קריג ווײַפֿל נאָר עס לאָזט זיך. דערנאָך צי איך זיך איין מיטן שמוציקן האָטעל-האַנטעכל דעם בויך. (קיין ריינס האָב איך נישט. דער „גאַרסאָן" האָט עס שוין אַ גאַנצע וואָך נישט געטווישט. איך בין שולדיק געלט. איך גאַנווע זיך אַרויף, ווען דאָס געלע פֿאָרהענגל איבערן „קוקער" איז אַראָפּגעלאָזן), ליג איך און האָרך זיך איין צום הייזעריקן גערויש, וואָס האַקט זיך אָפּ פֿון די העננענדיקע געסלעך אויפֿן הויכן בעלוויל.

מיינע שכיינים פֿון אַלע פֿינף שטאָקן, שטילע באָכערים און מיידלעך, אַנטרונענע פֿון פּוילן, דייטשלאַנד און רומעניע, קוקט מען דאָ אַ גאַנצן טאָג נישט אָן. זיי שלייכן זיך שפּעט ביינאַכט אַדורך דאָס געלע פֿאָרהענגל אין טונקעלן

קאָרידאָר, פֿאַרקלייבן זיך הויך אויף די שטיגן און גראַבלען אין דער פֿינצטער מיט אַ שליסל ביי דער טיר. זיי טרעפֿן דאָסזעלבע פֿאַרשאַרצטע פֿאָרהענגל און דעמזעלבן ווייען־דיקן אומעט פֿון די גרין־אַרומגעשיילטע ווענט. ווי איך, הערן זיי זיך אַ גאַנצע נאַכט איין צו יעדן שאָרך אויף די שטיגן. טאָמער אָן איבערפֿאַל?...

באַלד אינדערפֿרי פֿאַרשווינדן זיי אויף אַ גאַנצן טאָג פֿונדאַנען. זיי זענען אַרבעטלאָז. זיי קוקן שוין אוים דעם מאָגערן סעזאָן, וואָס זאָגט נישט צו צו זיין קיין סאַך בעסערער, ווי דער לעצטער.

אַרום די מאַטע, צעשראָקענע אויגן פֿון אויסגעבלייכטע מיידלעך שוועבט אום אַ שטילער, מווירעדיקער פּלאָטער, טאָמער פֿאַלט מען אַריין צו זיי אינם פֿאַרוואָרפֿענעם וואַר־שטאַטל, טאָמער שטעלט מען זיי אָפּ אויף דער גאַס?... די באָכערים שאַרן זיך איינגעבויגן, מיט אויפֿגעשטעלטע קעל־נער פֿון מאַרינאַרקעס און אין זומער־פּאַלטנדלעך. אונטער די פֿאַרדוקטע בערעטלעך קוקן די אויגן מיט פֿאַרדאַכט נאָך יעדן ציווילן...

אָ, אַ סאַך סוידעס ווייסן זיי, די אומשולדיק־פֿינטלענדיקע שילדן איבער די אָפּגעשיילטע האָטעלעכלעך אויפֿן הויכן בעלוויל...

איך ליג אין בעט מיט איינגעפּרעסענע אויגן אין פֿינצ־טערן סופֿיט און הער זיך איין מיט אַביסל נייגער און מיט אַביסל שרעק צו די שטילע גערוישן אַרום די ווענט. אין טיפֿן קאָרידאָר סקריפּעט אַ טירל, אַ שטראָם וואַסער גיסט זיך טומלדיק אַראָפּ און פֿון אומעטום הויבן פּלוצים אָן צו ברומען די רערן. דערנאָך טריפֿט עס. עס טריפֿט אָן אויפֿ־

הער. יעדער טראָפּן מעסט אויס גענויע דריי סעקונדן. דורכן סופיט קייקלט זיך גיך פאַרביי אַ פאַרבלאָנדזשעטע שיין.

האַרט ביים פענצטער לעשט זיך און ס'צינדט זיך אָן אַ שילד מיט אַ פאַרביקער אויפשריפט: „האָטעל פעקין". איך הער עטלעכע שטימען פאַראַמאָל און שלייכנדיקע טריט. דאָס פירט מען נאָך האַלבער נאַכט „געסט" פון אונטן. איינס פון די פלאַטערנדיקע מיידלעך, וועלכע דרייען זיך יעדן אָוונט אין רעגן פאַר דער קאַפע, האָט דאָ ערגעץ, מיט אַ שטאָק נידעריקער, געשלאָסן נאָך עמיצן די טיר. פון הינטער שלאַ-פנדיקע ווענט דוכט זיך צו פאַרנעמען אַ געלעכטערל. פון די שטיגן, הער איך, שאַרט זיך עמיץ צוריק אַרונטער. דאָס טראָטל אין די ווייבע לעטשלעך איז מיר גוט באַקאַנט. דעם האָטעל-אייגנטימערס שטיל ווייבל איז עס. קיין הויך וואָרט קען עס נישט אַרויסרעדן. פּונקט אַזאַ פרום און איידל מאַ־דאָנע־פּאָנים האָב איך דאָ נישט לאַנג געזען אין „לוווּר", אין דער גאַלעריע פון די רענעסאַנס-מייסטער. יעדן גאַסט טראָגט זי נאָך אַ קלאָר האַנטעכל, בלייבט אַ רעגע שטיין אין אָפענעם טירל און קוקט וויפל מען ציילט דאָרט אַריין אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט איר „פּורבואַר"...

עס ווילט זיך וועגן עפּעס טראַכטן, דערמאָנען זיך, נאָר ס'איז שווער צונויפצונעמען די געדאַנקען. טויזנטער שטילע טענער שאַלן פון די הויכע געסלעך און איבערן מויעך טריפן קאַלטע טראָפּנס, וואָס ציילן אויס גענויע דריי סעקונדן, ווי אין ריטמישן טאַקט פון וואַלס.

אייגנטלעך, איז מיר אַלצאיינס. שוין צו אַלעם גלייכ־גילטיק. עס אַרט מיר אַפילע נישט, וואָס ס'איז זייער שפּעט און מיין שאָכנטע פון איבער דער וואַנט — דאָס מיידל, וואָס שאָרכעט אַלעמאָל אַזוי שטיל איבערן קאָרידאָר — האָט

זיך נאָכנישט אומגעקערט פון גאַס. איך ווייס — זי הונ-
גערט. פאַרן צימערל איז זי שוין מער שולדיק, ווי איך. אַ
ליאַדע אָוונט וועלן מיר ביידע טרעפן שלעסלעך אויף די
טירן. זי קומט אַלעמאָל שפּעטלעך. דער האָטעל-אייגנטימער
איז זי איינמאָל געקומען זוכן. ער האָט עפּעס בייז אָנגע-
ברומט ביי איר טיר, דערנאָך האָט ער אָנגעקלאַפּט אין מיי-
נער. ער האָט מיך געפרעגט ווען זי קומט און איך האָב אים
געזאָגט, אַז איך הער נישט, אַז איך האָב זייער אַ פעסטן
שלאָף און אַז איך ווייס ביכלאַל נישט צו דאָ וווינט נאָך עמיץ.
ער האָט מיר דערביי שאַרפלעך אָנגעקוקט און זייער נישט
איידל געגעבן אָנצוצוהערן וועגן מיין כוויוו...

איין נאַכט איז דאָס מיידל אינגאַנצן נישט געקומען שלאָפן.
איך האָב געמיינט, אַז זי וועט שוין מער נישט קומען. נאָר
אייערנעכטן — זייער שפּעט אָוואַדע — האָט מיט איר
שטיל גראַבלען ביים שלאָס זייער פּלוצים איבערגעוועקט. איך
האָב דערנאָך געהערט פון הינטער דער וואַנט, ווי זי האָט
אויפגעריסן די טירלעך פונם שענקל, האָט איבערגערוקט
טעלער און פלעשלעך, האָט עפּעס געזוכט. די טירלעך האָט
זי געטון אַ פאַרקלאַפּ. ס'האָט זיך געהערט איר שטיל אַרומ-
שפּרייזן און — ווי אירע ציינדלעך גריזשען עפּעס האַרטס.

איך בין פונדעסטוועגן אומרויק — טאָמער האָט מען זי
פאַרט פאַרהאַלטן; און אַז איך הער ענדלעך דעם גערויש
פון אירע קליידער, ווערט מיר אַביסל היימלעכער. איך ווייס
צליין נישט פאַרוואָס...

כ'האָב זי שוין עטלעכע מאָל געזען אויך, דאָס מיידל,
נאָר איר פּנים קען איך זיך נאָך אַלץ נישט אויסמאָלן
קלאָר. איינמאָל, באַלד אינדערפרי, האָבן מיר זיך אַפילו
באַגעגנט אויף די שטיגן. איך האָב איר אָפּגעטרעטן דעם וועג

און זי האָט מיר צוריקגעהאַלטן געדאַנקט. זי האָט מיך אָנגעקוקט, אין בלאָסן שמייכל, אָבער באַלד איז ער פאַרשוווּנדן פון איר פּאָנים.

זעט אויס, אַז דער אויסדרוק פון מיין פּאָנים, איז נישט גאַר קיין פריינטלעכער. אַז איך בלייב אַזוי שטיין אינמיטן העלן טאָג אין צימער, דער פאָרהאַנג איז אַראָפּגעלאָזן, איך דריי אויס דעם קאָפּ און דערזע זיך פּלוצים, אין מיין גאַנצער גרויס, אין שפּיגל, ווערט מיר אַביסל אומהיימלעך. דאָס לענגלעכע, נישט-געגאָלטע פּאָנים זינקט אין די שפּיציקע אַקסלען־אַריין. די גרויע, אָפענע פיש-אויגן, אונטערן נידעריקן שטערן מיט די אָפּגעמעקטע ברעמען, באַטראַכטן נאָכלעסיק מיין דאַרע, אויפגעשאָסענע פיגור.

איך האָב, הערט איר, זיך אַליין פיינט. איך ווייס, אייגנטלעך, נישט, נאָכוואָס עס האָט געלוינט אָט די איינגעבראָכענע פיגור אַהערצושלעפּן דורך גרענעצן און לענדער?...

איך האָב זיי פיינט, די גוטע מומעס און די ווילע פעטערס, ביי וועלכע איך האָב זיך אומגעוואַלגערט, זינט ווען איך געדענק זיך. איינער האָט מיך געוואָרפן צום אַנדערן. איך האָב אַפילו פיינט אויך מיין לעבעדיקער מאַמען. איך האָב קיינמאָל איר ברוסט נישט געזויגן, זי האָט קיינמאָל נישט געגלעט מיינע קינדערישע הערעלעך. זי לעבט ערגעץ, האָט אַ מאַן, אַ שטוב, קינדער...

צווישן אַלטוואַרג און מיסט, האָב איך ביי די קרויווים אָפּגעראַטעוועט עטלעכע פאַרגעסענע בריוו פונם טאַטן. זיי זענען געשיקט געוואָרן פון אַ קליינער סאַנאַטאָריע אין דייטשלאַנד, וווּ ער האָט זיך געהיילט. דאַטירט פון 1910. אייניקע זענען געשריבן אין אַן איילנדיקן רוסיש. זיי זענען

שוין אביסל פארמעקט. די יידישע זענען מיט א ריינעם, פערלדיקן קסאוו.

אין איינעם פון זיי שרייבט ער, אז דער הוסט האט אביסל נאכגעלאזן, די היץ — אויך. פילט זיך זייער גוט, עסט. ער האט זיך נאר-וואס אומגעקערט פון שפאציר אויפן פרישן שניי אין די בערג. ער זיצט ביי א טיש אין אלגעמיינעם זאל, אין דער געזעלשאפט פון צוויי רוסישע פירשטינס, א העפלעכן און שטייפן נארוועגער, א בלאנד-האריקער, און א יינגן דייטשן אפיציר. מען וויצלט זיך. די צוויי פירשטינס זענען איינע נארישער פון דער אנדערער. איינע פון זיי, אלגא, איז „נאך צו דערליידן", נאר די אנדערע, נאטאליא, איז „סיעם ראז קראסאוויצא" (זיבן מאל שיינהייט).

ער איז, זעט אויס, געווען גוט אויפגעלייגט אין דעם טאג, ווייל די איבעריקע בריוו זענען גארנישט אזעלכע פריילעכע. ווייטער פרעגט ער זיך, דעריקער, נאך אויפן „קינד", צו ס'זויגט ביי דער אם, צו מען גיט אכטונג אויף דעם. וועגן „איר" דערמאנט ער א צוויי-דריי ווערטער און נאכמער פינטעלעך. ער מיידט אוים וועגן איר צו רעדן. „א יינגע קאזע — שרייבט ער — זאל זי שפרינגען, זי וועט זיך נאך אמאל באדענקען"...

געשטארבן איז ער קורץ דערנאך, אין דערזעלבער סאנא-טאריע, אן איינזאמער.

צו שפעט זיך דערוווסט, אז קראנק בלוט טריפט אין מיינע אדערן. שווער קלעפן זיך דעריבער די אויגן און ס'זשומעט אין די אויערן אזא ווייטע, אויסגייענדיקע מוזיק, וואס פארוויגט, פארוויגט...

ווען איך בין איינגעשלאפן, געדענק איך נישט, נאר אז איך האב פלוצים אויפגעריסן די אויגן, זענען שוין גרויע

שפּיזעלעך דערלאָפן איבער דער פּאָדלאָגע צו מיין בעטל. זיי האָבן זיך פאַרגאַנוועט אַהער דורך די זייטן פאָרהאַנג. אין דער טיר, האָב איך דערהערט, קלאַפּט מען דייטלעך און שאַרף. איינמאָל און נאָכאַמאָל. אין די קאָרידאָרן דרייען זיך איבער שלעסער. נו, יאָ, טראַכט איך, אַן אָבלאַווע, און נישט אינגאַנצן קיין אומגעריכטע...

די ביידע ציווילע, וואָס זענען אַריינגעפאַלן און גענומען אַרומטאַפּן די ווענט מיט קליינע טאַשן־לעמפּלעך, האָבן פּאַרשפּאָרט מיט מיר איבעריקע טיינעס. איך האָב זיי צודערלאַנגט אַ צעפּיצלט שטיקל פּאַפּיר, מיינס אַן אַלטע מעטריקע, דערציילט זיי, אַז מער האָב איך נישט און האָב עפּעס זייער זיכער צוגעגעבן, אַז ס'וועט גאָרנישט לאַנג געדויערן, איך בין שוין אָנגעטון און איך קען שוין גיין מיט זיי...

דערנאָך איז מיר עפּעס אַ שאָד געווען וואָס דער קוועלנדיקער פרימאָרגן ענדיקט זיך אַזוי גיך. מען האָט מיך, אינאיינעם מיט נאָך אַ סאַך, פאַרשפּאַרט אין אַ פינצטערער, ענגער נאָרע. אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע האָב איך זיך איצט דערמאָנט, ווי אַזוי מען האָט עטלעכע טריט פאַר מיר געפירט דאָס מיידל, מיין שאָכנטע פון איבער דער וואַנט.

די דינע קאָנטורן פון איר שויבערדיקן פּראָפיל האָבן געפלאַטערט אויפן הויכן אָפּהאַנג פון דער נעפּלדיקער גאַס. דער שלאַנקער ברונעט, דער ציווילער, האָט עפּעס זייער זיס איינגעטיינעט מיט איר. ער האָט זי אַפילע געפּרוווט אָנצונעמען ביי אַן אָרעם, נאָר זי האָט זיך גרינג אַרויסגעגליטשט פון אים. ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן, אויסגעשטעלט אַ פרייע האַנט אויף צוריק, אָנגעוויזן איר, זעט אוים, אַז זי קען גיין ווו זי וויל, נאָר זי האָט ווייטער אָנגעהאַלטן דעמזעלבן טראָט ביי זיין מעכטיקן געשטעל. אירע שוועבנדיקע

אַקסלען האָבן געצוקט. זי האָט זיי געהילט אין אַ שמאָל, פוטערן קעלנערל און האָט זיך די ערשטע דורכגעשטופּט אין דער גלעזערנער טיר פונם פאַררויכערטן צימער מיט די נאַכטיק-ברענענדיקע לעמפּ, מיט די צעהאַנגענע מאַפּעס און פאַרטרעטן. לענגער פון אַלעמען איז זי דאָרט פאַרבליבן. אין קאָרידאָר האָט זי זיך מיט עמיצן געאַמפּערט און דערנאָך האָט מען הינטער איר אויך געשלאָסן אַ טיר...

דערדאַזיקער בייזער כאַלעם האָט געדויערט אַ גאַנצן מעסלעס. איצט בין איך שוין צוריק אויף דער פריי. אין דער קעשענע ביי מיר ליגט אַ רויטער אויסווייז. מיט זיבן טעג שפּעטער טאָר איך זיך שוין נישט געפינען אויף דער פראַנצויזישער טעריטאָריע. איצט שרעקן מיך שוין נישט קיין שום אַבלאַוועס. דעם ערשטן מאָל וועל איך זיך געפינען אין דער שטאָט פּאַריז, פולשטענדיק לעגאַל...

ס'איז אינמיטן פעברואַר. אַ רייסיקער ווינט האָט צעפליקט די אָנגעטראָגענע כמאַרעס און אַלצדינג, וואָס הענגט איבער די פינצטערע דורכגענג צו די הויכקייטן פון בעלוויל, גלאַנצט אויף אין דורכזיכטיקער ראַזיקייט פון דער יינגער זון. אין ווינט, וואָס גייט איבער די ליכטיקע דעכער און איבער שטייענדיקע וואַסערלעך פון די שמוציקע פאַבריקס-הייף, לופטערן זיך אויף פאַרצויגענע שטריק, האַרט ביי די אָפּגעקראַצטע ווענט און פענצטערלעך, קינדערישע העמדלעך און קאַלדערקעס. אויף די הויכע הייף ציטערן די שויבן פון גאַראַזשן און מעטאַל-פאַבריקן. דורך געדרייטע טירן און דורכגאַנגס-קאָרידאָרן, באַקומט מען זיך אַרונטער צום בעלווילער אַרבעטער-קלוב.

דאָ דערפילט מען זיך היימיש. איבער די צעפּרעסענע בעטאָן-דילן טאַנצט אַרום אויף גרינגינקע פיסעלעך, ווי אַ געל

קאנאריקל, א קליינס, א בלאנדינקס, א מיידעלע פון א יאר דריטהאלבן, מיט א פיצל, בלוי-פארפרוירן נעזל, א שפיציקס, פונקט אזא ווי ביי דער מאמען אירער. עס טאנצט איבער די זון-באגאסענע ראמבן-טאפליעס. די יינגע זון פאלט אויף די ווענט, איבער די לאנגע, נאקעטע טישן, ווו עס פארען זיך די טעלער פון מאגערן זופ פאר ארבעטסלאזע און — איבער דער ריי פארלייגטע קניען. אין גרינגן טענצלען, ציען זיך אוים פון אלע זייטן הענט צום בלאנדינקן קינד:

— קום צו מיר, דייטשקעלע!

צו אלעמען אויף די הענט גייט עס, מיט אלעמען ווערט עס גלייך היימיש. און אט זיצט עס אויף די הענט פון אן עלטערן ארבעטער אין א גרויען, פארפעטסטן קאסקעט. דער אלטער פרייט זיך דערמיט. ער לאכט אריין אין די ליכטיקע הערלעך מיט שווארצע, שיטערע ציין.

מיט די גרויסע, בלויע אויגן קוקט עס אים זייער נייגעריק ארום, באטראכט ערנסט די סטאליערישע נעגל אויף זיינע געקרייצטע פינגער און גראבלט זיך מיט ראזינקע פינגערלעך ביי אים אין מויל. עס באקוקט אים אלץ אזוי פריינטלעך, ערנסט און אויפמערקזאם; שמייכלען שמייכלט עס אבער נישט, אלע ווילן עס זאל א לאך-טון, נאר קיינעם גיט זיך עס נישט איין.

דערפאר שמייכלט שוין בלאס די יינגע מאמע פונם קינד. זי איז זייער א סימפאטישע — א שטיל דייטש מיידל פון וועדינג, אין בערלין. זי זיצט דא צוזאמען מיטן מאן אירן, א ייד, וואס רעדט יידיש מיט אלע דייטשע פאסעכן... זיי ווארטן, מען זאל זיי צודערלאנגען דעם ארבעטסלאזן זופ...

דא קען מען שוין אפזיצן ביז שפעט אין אוונט. מען בלעטערט א ביכל, מען קוקט אריין אין א צייטונג. דערנאך שיט

מען זיך צוזאַמען מיט אַלעמען אַראָפּ פון די שטיגן. מען בלייבט שטיין אויפן הויף און ס'איז נישטאָ ווו צו גיין. אין ערגעץ איז קיין בעט נישט אָנגעגרייט פאַר דיר. דאָס פינצטערע הויפל שליסט זיך איין צווישן קרומע באַריערעס. פון אַלע ווינקלען קוקן פענצטער מיט אַ פרעמדן, טונקעלן אָפּגלאַנץ. נאָענט ביי דיינע פיס, ערגעץ נידעריק, גיסט זיך אַ קאַלטער, שמוציקער שטראָם. אין לעבלעכן כווישעך, קריכן אַרויס פינצטערע שטשורעס פון קאַנאַל; זיי גראַבלען זיך באַזאַכט אַרום דיין טונקעלער פיגור, שנאָרכן אַרום מיט די וואָנסעס און פּייפּן צו. אַביסל ווייטער שטייען אויפגעריסן די טירלעך פון די אַלגעמיינע הויף־קלאָזעטן. עס שאָקלען זיך דאָרט די קייטעלעך.

דערנאָך איז אויסגעקומען, אַז איך האָב צוגעהאַלטן איינס פון די דאָזיקע קייטעלעך און האָב אַרויסגעקוקט דורכן שפּאַלט. אויף די שטיגן האָט מען נאָך, אַראָפּגייענדיק, געלאַכט און עס האָבן געסקריפּעט די אויסגעלייגטע ברעטלעך אונטער זייערע פיס.

איבער דיזעלבע ברעטלעך, האָב איך געזען, האָט זיך עמיצער שטיל און פאָרזיכטיק דערקליבן צום אַנדערן אויפגעמאַכטן טירל. אין דער בלייכקייט פון אַן אָפּגעקאַלעכט ווענטל, האָב איך פּלוצים דערקענט מיין שאָכנטע פון איבער דער וואַנט. זי איז אָנגעקראָכן צווישן די פינצטערע באַריערעס און האָט פון אינעווייניק צוגעמאַכט דאָס קייטעלע.

איך האָב זיך רוישלאָז צוריקגעשטויסן צום ווענטל און האָב אַ לאַנגע ווײַלע איינגעהאַלטן דעם אָטעם. מיט אָפענע אויגן בין איך אַזוי אָפּגעשטאַנען ביז אינדערפרי. זייער לאַנג האָט זיך פאַרצויגן די נאַכט. אַ מוטנע שטראָמל האָט זיך געגאָסן איבער אונזערע קעפּ. די רינענדיקע טראָפּנס האָבן אויסגעזונגען אַ סימפאָניע פון היימלאָזיקייט.

דאס פעטערל

ביים סאַמע אָנהויב פון יענע עטלעכע זיסע יאָר אין פּאַריז, ווען די פּאָסט האָט טאָג־טעגלעך פּאַרוואַליעט מיט באַשטעלונגען אויף די שווערע טויזנטער, איז דער איינטויש פון מעסיע גרין געווען אַ העכסט־געלונגענער שריט: פון דער פּאַרוואָרפענער מאַראָקינערי־אַטעליע אין די צוויי ענגע דאַך־שטיבלעך, ערגעץ אויפן הויכן בעלוויל, ביז — אַ גאַנצן פּראָנטאָוון פליגל שטיבן, אין געדיכטסטן האַנדלס־צענטער, אויף איינער פון די זייטן־גאַסן אַרום די גרויסע בולוואַרן.

אַ נידעריקער, אַ קרעמפּער, מיט איבערגעוואַקסענע קינען, מיט אַקשאָנעסדיק־גראָבע ליפּן, מיט אויסגעשיטע וואָנסעלעך, האָט מעסיע גרין איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די איינגעשמירטע בלוז, האָט אויפגעהערט אַרויסצוהעלפן ביים טיש, ווען ס'איז געווען אינדערשנעל אויסצוענדיקן אַ פּאַרטיע סאַקן און איז אַריינגעקראָכן, שוין אויף שטענדיק, אין אַ נייעם, געפּרעסטן אַנצוג, אין אַ זיידן העמד מיט שטרייפעלעך, אויסגעבונדן מיט אַ סאָלידן, נישט־שרייעוודיקן, אָבער גענוג טייערן קראַוואַט. די האָר זענען איצט אַלעמאָל געווען צוגעגלעט אין אַ שרונט און אַליין האָט ער זיך שוין אַלץ זעלטענער אַרויסגעוויזן פון דער ביורקע, ווו

ס'האָבן געקלאַפּט די שרייב- און די רעכן־מאַשינעס, ווו דער טעלעפאָן האָט נישט אויפגעהערט צו קלינגען.

די העפלעכע קאָמערסאַנטן און די פאַרשיידענע פאָרשטייער פון גרויסע און רייכע „הייזער" אין שטאָט, וועלכע האָבן פון אים אומגעריכט אָנגעהויבן צו באַקומען באַשטעלונגען אויף גרויסע טראַנספּאָרטן שלעסער, לעדער, דובלע און קאָר־טאָן, האָבן, אַראָפּלאָזנדיק זיך אין די ווייך־געבעטע פאָטעלן, אין דער ביורקע ביי אים, הארציק באַדאַנקט און האָבן עפּעס אַזוי-ווי צוריקגעהאַלטן געשמייכלט:

— איר פאַרשטייט, מעסיע גרין? — האָבן זיי זיך גע-קרעקט מיט די רייד — מיר לעבן אין אַ וועלט, וואָס איר הויפּט-פּרינציפּ איז קרעדיט... אָט אַזוי — מיר האָבן נאָכעם פון אייך: אַ הויז, אַ פאַבריק און נישט קיין פאַרוואָרפן בוי-דים-שטיבל ערגעץ אויפן בעלוויל!...

און ווירקלעך, דאָס הויז און דער צופאָר האָבן אַ גאַנצן טאָג נישט גערוט. דאָס טויער, דורך וועלכן ס'האָבן געהאַלטן אין איין פאַרפאָרן הויכע, אָנגעלאָדעוועטע סכוירע-קאַמיאָ־נען, טאַקסים און האַנט-וועגעלעך, איז באַקלעפּט געווען מיט פיל שילדלעך פון פאַרשידענע האַנדלס-פירמעס און צווישן זיי האָט פאַרנומען זייער אַ כאַשעווון אויבנאָן דאָס בלוי־עמאַלירטע שילדל פון דער מאַראָקינערי-פאַבריק ק. גרין. גע-האַלטן אויבן אַ פאַבריק האָט ער שוין עפּשער דעמאָלט לע-פּאָנים וועגן, אָבער געשטיצט האָט ער זיך איבערהויפּט אויפן אַרויסגעבן „פּאַסאָן" — אי די אַרבעט האָט אים אויס־געמאַכט פיל ביליקער, אי ער האָט יעדן מאָנטיק און דאָנער-שטיק נישט געהאַט צו טון מיט קיין שטרייקן...

אין די באַשטימטע נאָכמיטאָג-שאָען האָט אינם צעמענט־בלאָק די באַלויכטענע ווינדע, וואָס האָט זיך פלינק געהויבן

ביז צום זיבעטן שטאָק-אַרויף, אויף קיין איין רעגע נישט איינגערוט. ביים טירל האָבן שוין דעמאָלט אָפּגעוואַרט אין אַ לאַנגער רייע, באַהאַנגענע מיט וואַליזעס און פּעקלעך, איינגעשוויצטע און פאַרמאָרעטע „פּאַסאַזשירן״, וואָס האָבן זיך געבּרענגט אַהער אַנצושלעפּן פון די ווייטע שטאָט-ווינקלען — ווער מיט דער מעטראָ, ווער מיט די שנעל-קורסירנדיקע אויטאָבוסן און ווער — צופוס. מען מוז זאָגן, אַז אַמווייניקסטן העפלעך זענען דאָ געווען די איינגעשוויצטע יידן און ווייבלעך פון בעלוויל; צעפּלאָשעטע, אָנגערויטלטע און צעגאָדערטע, ווי אַ סטאַיע גענדז, מיט אַרומפאָרנדיקע בערעטן און פאַרשאַרצטע היטלען, האָט מען זיך געהאַלטן אין איין שטופּן, געשטויסן זיך מיט די עלנבויגנס און פאַרשטעלט די אַריינגענג. די עטלעכע פראַנצויזן, וואָס זענען דאָ געווען צווישן זיי, האָבן זיך געביייזערט, אויסגעלאָזן זייער גאַנץ ביטער האַרץ צו די אויסלענדער. אָבער אָנקלאַפּנדיק אויבן אין דער ליכטיק-אָפּגעווייסטער טיר, איז מען פאַר איינמאָל שטיל געוואָרן. דאָ איז מען וואַרטן געבליבן אינם פאָדערקאָרידאָר און איינעם נאָכן אַנדערן האָט מען אויפגענומען אין גרויסן לאַגער-צימער מיט די אָנגעהויפטע פּאָליצעס דורך די צוויי ליכטיק-בלאָנדע און טייוולש-פלינקע פראַנצויזישע מיידלעך, וואָס האָבן שנעל געציילט, שנעל צעפּאַקט און נאָך שנעלער אויסגעפונען פאַרשיידענע קליינע בעסרויגעסלעך אין דער אַרבעט. דאָ איז דער שלאָס אָפּגעשטאַנען, דאָס איז פאַרבליבן אַ פּלעקעלע פונם קליי און דאָ איז סטאָם שטיינגעבליבן אַ פּלאַץ אינם סאַמע שפּיגל פון סאַק...

ביי די אויסגעמאָרעטע ווייבלעך האָט געשלאָגן אַ פּלאַם אין די באַקן-אַריין; ביי די מענער זענען די קאַסקעטן פאַררוקט געוואָרן אין טיפן שטערן-אַריין. מען האָט אויסגענוצט

דעם גאַנצן זאַפּאַס פון די עטלעכע אויסגעלערנטע פראַנצויזישע ווערטער, צו פאַרענטפערן זיך, ביז מען איז שטום געבליבן. ניין, ס'האָט קיינעם גאָרנישט געהאָלפן — אַזוי איז געווען דער שטרענגער אָנזאָג פונם שעף: יעדן בראָק צוריקגעבן, אָפּרעכענען פון דער סומע און דערצו נאָך — שטרענג וואָרענען פארן ווייטערדיקן קאַליע מאַכן...

אָבער דאָ ערשט, ביים אַרויסבאַקומען אַ פרישע פּעקל אַרבעט, האָט זיך אָנגעהויבן די עמעסע פּלאָג.

אינם זייטיקן, הויך־אָנגעוואַליעטן צימער, וווּ ס'האָט אַ גאַנצן טאָג געברענט די עלעקטרי, הינטער אַ באַריערל, האָט פאַרנומען זיין שטענדיקן פּלאַץ אַ קליין יידל מיט פּיצינקע, רויטע אויגעלעך, מיט אַ נאַקעט, געקנייטשט פּאָנים, מיט אַן אונטערשטער, גאָוועררדיקער ליפּ און זילבערדיקע האָר. גערופן האָט מען אים דאָ אינדערשטיל דאָס פּעטערל. זיין אַנטון איז אַלעמאָל געווען פּעדאַנטיש־ריינלעך און זיין האַלטונג — קאַלט, שטייף, קאָרעקט. אַ הויכער, האַרטער קראַגן האָט זיך אַריינגעשניטן אין זיינע לויזע, הויטיקע בעקלעך. פאַרמאָגט האָט ער אָבער דערפאַר קורצע, קרעמפּע הענט, גיכע און פלינקע, וואָס אַז זיי האָבן געוואָלט זענען זיי טאַקע געווען גיך און פלינק, האָבן אַ מיש געטון צווישן די איינגעשנירלטע פּעקלעך לעדער — אויסגעקליבן, פאַרצייכנט און צונעוואָרפן עם דעם, אָדער יענעם, אַרויסקוויטשנדיק מיט אַ דינטשיק שטימעלע:

— סאַיע!... (גענוג).

און אַז זיי האָבן געוואָלט, האָבן זיי (זיינע הענט) זיך באַוועגט פויל, נישט אַ קוק־געטון אַפילע מיט וועמען ער האָט דאָ צו טון און האָט נישט גערן געענטפערט:

— שוואַך אַרבעט... קומט אַן אַנדערסמאָל!...

באַלד די ערשטע צייט האָט מען עפּעס נישט פאַרשטאַנען זיין נאַכלעסיק ענטפערן. אָבער ערשט היפּש שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אַרבעט איז דאָווקע פאַראַן גענוג, איי־בערגענוג, עס ברענט מאַמעש הינטער די הענט, נאָר גאַנץ פּאָשעט — ער וואַרט מען זאָל אים אונטעררוקן עטלעכע זיי־טיקע פראַנק...

געווען איז ער דעם הער גרינ׳ס אַ ווייטער קאָרעוו. אין יענע יאָרן, ווען ביים הער גרין האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו גיין גוט, האָט זיך צו אים אָפּגעזוכט אָט דאָס פּעטערל, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ שאַמעס אין איינע פון די שילעכלעך אויפן „פּלעצל“. האָט ער עס אים אָנגעטרויט צו זיין אַן אויפזעער ביים אויסטיילן אַרבעט די „פּאַסאַניערס“. זיין פליכט, מוז מען זאָגן, האָט ער אויסגעפּילט זייער פּינקט־לעך און איבערגעגעבן. ביים אַדורכפירן די יערלעכע בילאַנ־סן, האָט ביי אים דאָס ביכעלע אַלעמאָל געשטימט גענוי, ביז צו די קלענסטע קליינקייטן.

— באָ, סאַווא! (גוט, זייער גוט) — האָבן ביים הער גרין געשמייכלט די וואָנסעלעך — איר, פּעטער, ווערט זיך נאָך ביי מיר דערדינען — איז ער פּלוצים געוואָרן מיט אים גאָר היימיש, היימישער ווי אַלעמאָל — מיט פרעמדע הענט, ווייסט איר דאָך, איז גוט פייער צו שאַרן... אָבער מיט איי־גענע — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש...

אויפן טיש, אין דער ביוּרקע, איז אויסגעוואַקסן אַ פּלעשל, גלעזלעך און מען האָט לעקאָוועד דעם נייעם יאָר גענומען צו קאַפּעטשקעס...

אַרבעט איז אין די וואָכן, ווי געווינלעך, געווען קנאַפּ, גאָר קנאַפּ און מער ווי אַן אַנדערש מאָל האָבן דעמאָלט די אָפּגעמאָרעטע „פּאַסאַניערס“ געשטופּט זיך אַרום דעם באַר־

יערל, הינטער וועלכן דאָס פעטערל האָט פאַרנומען זיין שטענדיקן פּלאַץ. און ספּעציעל נאָכלעסיק האָט ער דעמאָלט געענטפערט די, וואָס האָבן אים נאָך קיינמאָל שאַבעס, ביים אָפּנעמען די „פּעי" אויף קיין „גלעזל" נישט אַראָפּגערופן און האָבן אים נאָך זייטיק קיין שיינע פּאָר פראַנק נישט אונטערגערוקט...

געוועזן אָבער צווישן די יידישע „פּאַסאַניערס" פונם בעל-וויל אַזוינע, וואָס האָבן באַלד געכאַפּט דעם „שניט" ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט אים. קודעם האָט מען זיך אַרום דעם באַריערל נישט געשטופּט, מען האָט איבערגעוואַרט ביז אַלע האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט און ערשט דעמאָלט איז מען זייטיק אונטערגעקומען צו אים.

— באַנזשור מסיע דירעקטאָר! — האָט מען אויף איין רענע פאַרגעסן זיין געוויינלעכן צונאָמען, דאָס פעטערל, און מען האָט דערביי זייער פאַרלעגן געשמייכלט — שאַבעס, מערטשעם, נאָכן אָפּנעמען די „פּעי", וויל איך, נישט אַנדערש, איר זאָלט מיט מיר אויסטרינקען אַ פּלעשעלע „קאַר-מעל"... מ'איז דאָך עפּעס יידן...

— ני, ני! — האָט דאָס יידל אַוועקגעמאַכט, ווי נישט דאָס איז ביי אים דער איקער — מען דאַרף דאָך זען אויסזוכן פאַר אייך אַביסל אַרבעט... ס'איז איצט אַפילע שוואַך, נאָר — נישקאָשע...

און ער האָט יענעם אָפּגעשטעקט אַ היפּש פּעקל אַרבעט, פון די נישט-קאָמפּליצירטע מאָדעלער, וואָס אַרבעטן זיך שנעל, לייכט און לאָזן ביי זיך פאַרדינען...

גרוים דערפּאָלג ביי אים האָט דאָ געהאַט איינס אַ לאָכנדיק ווייבל מיט אַ צונעמאַליעוועט פּענעמל, אין אַ גנייוויש-פאַרשאַרצט היטעלע און מיט אומרויקע הענט. אַלעמאָל האָט

זי זיך פּאַרשפּעקטיקט מיטן וואַליזקעלע אַרבעט, איז געקומען דעמאָלט, ווען אַלע זענען שוין געהאַט אַוועק. מיט די ליב-טיק-בלאָנדע מיידלעך האָט זי אַ לאַנגע צייט אַרומגעפּיס-קעוועט אַ געזונטן פראַנצויזיש און צוקומענדיק דערנאָך צום פּעטערל, האָט זי אים נישט אָפּגעלאָזן: אַז ער זאָל זיך כאָטש איינמאָל זען אַראָפּכאַפּן צו זיי אויף אַ גוט שטי-קעלע פיש... אַז איר מאַרים איז אַ שלימאַזלדיקער מאַן... אַז זונטיק, באַלד נאָכן עסן, פאַלט ער אַוועק שלאָפן... אַז ס׳נישטאָ מיט וועמען אַרויסצורירן זיך אין אַ סינעמאַ...

דער אַלטער האָט אַריינגעכיכיקעט אין זיין ווייסער וועסט, אַז אַלע קנייטשעלעך אויפן שטערן ביי אים האָבן זיך אָנגע-צויגן. אַרבעט האָט שוין, נאַטירלעך, דאָס ווייבל באַקומען אַפילו דעמאָלט, ווען אַלע זענען פּאַשעט אויסגעגאַנגען נאָך אַ בידנע טוצ׳ל סאַקן...

ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַלע „פּאַסאַזשירעס“ האָבן פלוצים אָנגעהויבן צו שיקן מיט די וואַליזקעלעך זייערע ווייבער. צוגעפּוצטע, מיט פאַררוקטע בערעטלעך, מיט אָנגע-קלעפּטן „רוזש“ אויף די בלייכע, אָפּגעוועלקטע באַקן, האָבן זיי יעדן טאָג, אין די באַשטימטע נאָכמיטאָג-שאָען, אָנגעפילט דעם פּאָדער־קאָרידאָר... איינער אַ ייִד, מיט אַ צעקנעפּלט העמדל, אַ פאַרוואַקסענער, האָט זיך דאָ נישט אויפגעהערט צו קלאָגן:

— אַן אומגליק... און אַז מיין ווייב איז אַ שקראַב, נו, איז נישט אַ בראָך צו מיינע יאָרן?

— עס וועט זיך טון ריסעס — האָבן די נישט שיינע ווייבלעך, אַראָפּקומענדיק פון דאָרט, געקוויטשעט — דער אַלטער שיקסע־קריכער וועט נאָך באַקומען אַ כאַפּ אין זיינע

יאָרן־אַריין... ער וועט נאָך באַקומען אַ „פּאַפּלעקציע“ אין אַ שיינעם, העלן זומער־טאָג...

***

און אַזוי איז עס טאַקע איינמאָל געשען. געווען איז עס אין סאַמע ברען פון זומער־סעזאָן. אָפּגעגאָסענע פון שוויים, באַהאָנגען מיט וואַליזעס און פּעקלעך, האָט אין די נאָכמי־טאָג־שאָען די פלינקע ווינדע אָנגעברענגט אַ פולן פּאָדער־קאָרידאָר מיט די „פּאַסאַזשירן“. און דאָ האָבן אַלע פּלוצים פאַרנומען אַן אויסערגעוויינלעכע שטילקייט פון הינטער אַלע ליכטיק־אָפּגעווייסטע טירן. נישט די ביורקע האָט געטרושט, נישט מען האָט געהערט די טומלדיקע געשפּרעכן פונם לאַ־גער־צימער, ווו די ליכטיק־בלאָנדע און טייוולש־פלינקע מיידלעך האָבן אַלעמאָל אָנגעמאַכט אַ געוואַלד ביים דער־טאַפּן ערגעץ אַ כעסאָרנדל...

אויפן שוועל איז נאָכדעם אויסגעוואַקסן דער שעף אַליין, דער מסיע גרין, אַ נידעריקער, אַ קרעמפּער און אַ קרעפּע־באַנד האָט אַרומגענומען זיין לינקן אָרעם. ער האָט זיי אַלע־מען אַריינגעבעטן און מיט אַ געריירטער שטים, אין פייער־לעכן טרויער, האָט ער זיי איבערגעגעבן, אַז דער אַרבעט־צוטיילער איז נעכטן ביינאַכט פּלוצים אַוועקגעפאַלן פון אַ האַרץ־שלאָג, אַז צוליב דעם איז היינט די אַרבעט אָפּגע־שטעלט... מאָרגן זאָלן זיי קומען, מאָרגן, פּינקטלעך אין די זעלבע נאָכמיטאָג־שאָען...

אַראָפּשטיטנדיק זיך דערנאָך פון די שטיגן, האָט זיך דער אוילאָם גאָרנישט געקענט איינהאַלטן אַרויסצופּלאַצן.

— גוט אַזוי — איז איינע פון די ווייבלעך אַרויס מיט לאַשן — מיר האָבן פּאָרט אויסגעבעטן אויף אים דעם טויט...

— שאַט, ייִדן! — האָט דער מיטן שטענדיק־צעקנעפּלטן העמדל, אַ פּראָוואָקאַציאָנער, געברומט — מען ווייס נאָכנישט וואָס פאַר אַ נייער רישע עס קען אונדז צוגעשיקט ווערן...